NO. 1

# די יוגענד

b איז א צייטשריפט וועלכע
האט די אויפגאבע צו זאמלען
אין זיך די שאפונגען פון בלויז
יונגע שרייבער.

פרייז 5 סענט

אינהאלט. פערצייכניס:


| | | |
|---|---|---|
| .1 | צוויי חבר׳טעס | יוסף באנק |
| .2 | אין ערווארטונג | מ. י. חאימאוויץ |
| .3 | מיין געטטין | י. אדלער |
| .4 | בין השמשות | ד. בענדזשאמין |
| .5 | נאכט | ד. ב. |
| .6 | א ליעדעל | מאני לייב |
| .7 | עררינערונג | י. ראלניק |
| .8 | די רויטע בלום | א. ראבאי |
| .9 | * * * | מאני לייב |
| .10 | בעגינען | דוד״ל הארפע |
| .11 | ליעבע | י. י. שווארץ |
| .12 | ליעדער | ש. ח. שניידער |



די פראגרעססיוו פאבלישינג אסס״ן
26 דזשעפפערסאן סטריט ניו יארק

JACOB H. SCHIFF FUND,
NEW YORK PUBLIC LIBRARY.

# צוויי חבר"טעם

(פאלקס-מאטיוו).

— אוי, וואס וואלסטו טאן ווען עס קומט אן דיין חתן
און וויל אומשפאצירען מיט דיר?
— כ'וואלט גארנישט ניט טאן ווען עס קומט אן מיין חתן,
איך וואלט נור פערשליסען די טיהר.

— אוי, וואס וואלסטו טאן ווען ער קריכט דורכ'ן פענסטער
אין צימער אין דיינעם אריין?
— כ'וואלט גאר נישט ניט טאן ווען ער קריכט דורכ'ן
פענסטער,
איך וואלט נור זיין מערדערין זיין!

— אוי, וואס וואלסטו טאן ווען ער געהט און דערטרינקט
זיך
און קומט דיר צו חלום ביי נאכט?
— כ'וואלט גאר נישט ניט טאן ווען ער געהט און דער-
טרינקט זיך, —
איך וואלט נור געשטיפט און געלאכט.

— אוי, וואס וואלסטו טאן ווען דו זעהסט ווי ער הענגט זיך
דערפאר וואס דו טרייבסט איהם צוריק?
— כ'וואלט גאר נישט ניט טאן ווען איך זעה ווי ער הענגט
זיך, —
כ'וואלט שטארק נור פערצוויגען דעם שטריק!...

יוסף באנק.

# אין ערוואַרטונג

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
439518
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS.
1908

פון משה יונה חאאימאָוויטש.

א שווערער הייסער טאג איז געוועזען, און אלע האבען מיט אונגעדולד געוואַרט אויפ'ן קיהלען אבענד, און איז דער אבענד געקומען, און אונגעדולדיג זיינען ווידער אלע געווארען, און זיי האבען ווייטער געוואַרט: — אויפ'ן טאָג.

דער שעהנער דונקלער נאכט הימעל האט זיך ווייט אויסגע־שפּרייט איבער דער פערגליווערטער שווארצער ערד וויא א דעק־טוך בעזעצט מיט בריליאנטען. און זעהר ווייט האבען זיך די פעלדער געצויגען, זיך גרענעצענדיג מיט'ן האריזאָנט.

ווי דונקלע מאסען שאטענס האבען זיך די קוסטעס בוימער פון דער ווייטענס געמאָלט, און א בלייכער טהוי האט זיך איבער'ן טייך אויפגעהויבען.

שטיל און איינטאָניג האט דאס וואַסערפאל געמורמעלט און זיך רוהיג מיט זיין אייביגען גלייך געוויכט געקייקעלט איבער דער ראָד פון מיהל, אנמאכענדיג דערביי א געמאָסטענעם גערויש און פּלעשקעניש.

די דונקעלהייט איז געווען א שאטענדיגע, און די לופט א ריינע און שמעקענדיגע.

אין דער שעהנער נאכט האט איינזאם געוואנדערט איבער די פעלדער א פערשלייערטע פרויען געשטאלט, און עס האט אויס־געזעהן אזוי ווי זי וואלט עפּעס געזוכט. דאָ האט זי זיך אבגע־שטעלט אויף א ווײלע און בעטראכט די שטיל ליגענדע שטאדט, וועלכע האט זיך געמאלט אין דער שאטענדיגער נאכט אזוי ווי א פערלאָזענער בית עולם, דאָ האט זי זיך אבגעשטעלט און האט מיט אויפמערקזאמקייט בעטראכט דעם ניט ווייט ליגענדיגען וואלד, און דאָ האט זי זיך אבגעשטעלט און בעטראכט דעם בלאסען האָ־ריזאָנט מיט דעם הויכען בארג.

און געצויגען האט זי זיך איבער די פעלדער.

ניט ווייט פון טייך נעבען א גרויסען בארג האט זי זיך אב־געשטעלט און איהרע אויגען האבען אויפגעבליצט.

צופּוסען פון בארג איז געלעגען א יונגער מאן מיט א בלאסען געזיכט און האט פערטראכט ארײנגעקוקט אין דער דונקעל בלויער װײטקײט.

א היבשע װײלע איז זי געשטאַנען און האט איהם מיט א קוק פון נײגעריגקײט און װארימקײט בעטראכט, און ער האט איהר ניט בעמערקט — אזוי פערטראכט איז ער געװעזען.

דאס בלאסע פּנים פון דעם יונגען מאן האט אויסגעדריקט ערװארטונג. עפּעס האט זיך אין זײנע פערט־אכטע אויגען גע־לײענט א גאנצעס ים פון ערװארטונג, אבער עס איז שװער געװעזען צו זאָגען װאס ערװארטעט ער... צו ערװארטעט ער עפּעס א געליעבטע, װעלכע דארף פון יענע דונקעל בלויע װײטקײטען זיך מיט אמאָל ענטפּלעקען... אדער ערװארטעט ער פיעלײכט װען דער האריזאָנט אין מזרח זײט װעט זיך בעפארבען מיט פּורפּור, און זי, די בריליאנטענע פײערדיגע זון װעט זיך װי א קינד װען עס ערװאכט זיך פון שלאָף, א פריהער ארויסשטעקען פאמעלאך דע־גאָלדענעם בלאָנדען קאָפּף, און דערנאָך װעט זי אין איהר פולער גרויס ערשײנען...

זי האט איהם מיט איהרע פינגער אָנגעריהרט בײם אקסעל.

ער האט זיך אומגעקוקט.

און זײנע פער׳חלומטע גרויסע אויגען האבען זיך אבגע־שטעלט אויף איהר פערשלײערטען געזיכט.

— װער ביזט דו? און פון װאנען קומסט דו?... — האט ער שטיל און געצויגען געפרעגט.

— װער בין איך? דאס װעסט דו באלד װיסען, — האט די פערשלײערטע געשטאלט געענטפערט. — און פון װאנען איך קום דאס קען איך דיר זאגען.

איך קום פון דער טוידטער שטאדט, אָט פון יענער טוידטער שטאדט, װעלכע מאָלט זיך דארטען אין דער װײטקײט װי א בית עולם...

א זעהר שװערער און שטיקענדער טאָג איז הײנט געװעזען עס האבען אלע געװארט מיט אונגעדולד אויף דער קיהלער נאכט. — און די נאכט איז געקומען.

און איך ציה זיך די גאנצע נאכט איבער דער טוידטער שטאדט און איבער די פעלדער און װעלדער, און אלע, אלע װארטע:

ווייטער... אלע ערוואַרטען עפּעס וואס. אלע זיינען עפּעס אזוי פערטראכט און פערבענקט, אז מיר האט קיין לוסט ניט אָנגענו־מען צו פרעגען זיי, וואס זיי ערוואַרטען; — און דאָ האב איך דיך געפונען אויך א פערטראכטען און פערבענקטען, אבער מיר דאכט זיך אז דו ביזט נאך פון דער בענקעניש אזוי שטארק ניט אָנגעגריפען. — טאָ זאג מיר, אויף וואס ווארט איהר אלע ?...

— מיר ווארטען אלע אויפ'ן טאָג. — האט ער געענטפערט.

— אויפ'ן טאג ? — האט זי זיך איראָניש געוואונדערט...

— איך פערשטעה עס ניט, דאכט זיך דעם גאנצען טאג האט איהר אלע זיך געצויגען צו דער נאכט... ביי טאג איז זעהר היים געוועזען... און דער קומענדער טאָג וועט געוויס נאך הייסער זיין, ווארום דער האָריזאָנט איז א קלאָהרער, וואס בעווייזט, אז דער טאג וועט זיין א ברענענדיגער...

— אבער דער טאג, דער מוז דאך קומען, — האט ער גלייך גילטיג גערעדט, — טאָ לאָמיר איהם בעסער ערוואַרטען. עס איז עפּעס מעהר יום טוב'דיג...

זי האט געשמייכעלט.

— האסט דו ווען עס איז געליעבט ? — האט זי געפערגט.

— יע.

— דארפסט דו דאך וויסען אז געזונדע פערליעבטע האבען פיינד דעם ציעל... געזונדע פערליעבטע ציהען זיך ניט נאך דעם מאָמענט אין וועלכען זיי זאלען זיך דארפען פאר זיך אליין שעה־מען... אין דער ערוואַרטונג, אין דעם איבערגאנג איז ביי די פער־ליעבטע דאס העכסטע גליק...

— אבער צופיעל האב איך שוין געווארט אין מיין לעבען, אז דאס ווארטען גופא זאל הייסען מיין גליק. — עס איז מיר אויך אומעדיג אין דער ערוואַרטונגס שטונדע — און עפּעס מוז פארט געשעהן, עפּעס מוז דאך פאָרקומען: זעהר שטארקעס, זעהר שטו־רעמדיגעס, — און דאס קען נור דער נייער טאג ברענגען...

— אומזיסט האפסט דו, — האט זי שטיל אָנגעהויבען, — אומזיסט... דעם גאנצען פארטאָג אז איך וואנדער איבער דעם לא־גער פון די ערוואַרטענדע, — אבער מיין גאט, דאס זיינען דאך מעהר קיין מענשען ניט! די זיינען דאך גאר שאטענס!... אָט קוק זיי אָן!... קוק זיי נור אָן!... האט זי אויפגערעגט געזאגט

אַנווייזענדיג מיט'ן האַנד אויפ'ן וואַלד און שטאָדט.

ער האָט זיך אַרום געקוקט.

— וואָס זעהסטו דאָרטען ?...

— איך זעה עפּעס בעוועגענדיגע שאָטענס, און עס קומט עפּעס אויס גלייך ווי דער גאַנצער וואַלד וואָלט זיך אומגעוואַנדעלט אין בעוועגענדע סילועטען.

און אין דער מינוט האָט זיך איהם ווירקליך אויסגעדוכט אַז די ביימער פון וואַלד בעוועגען זיך, און זיי טהיילען זיך אָפּ איינע פון די אַנדערע. און באַלד טאַקי אויך האָט זיך די גאַנצע פעלד פערוואַנדעלט אין אַ לאַנגער פון שאָטענס.

עס איז געוואָרען זעהר שטיל, אַזוי ווי אַלץ וואָלט מיט אַמאָל פערגליווערט געוואָרען: עס האָט ניט גערוישט דער וואַסערפאַל, און די ראָד פון מיהל איז געבליעבען שטעהן, און דער קיהלער ווינטעל האָט ניט געבלאָזען.

און עס האָט אויסגעוויזען אַזוי ווי די גאַנצע נאַטור, אַזוי ווי די צייט, וואָלט זיך אויף אַ מינוט אָבגעשטעלט אין עפּעס אַן ערוואַרטונגס צושטאַנד, גלייך ווי זיי וואָלטען עפּעס מיט אַמאָל דערפיהלט אַז עס דאַרף עפּעס וואָס געשעהן.

איין שטילער מאָמענט איז עס געוועזען, וואו אַלץ איז געבליעבען פערגליווערט, ווען די שפּיטצען פון די ביימער האָבען זיך ניט געריהרט, ווען ווי טוידטע פלעקען זיינען די שאָטענס געלעגען.

אָבער האָט דער ווינטעל אַ בלאָז געטהון, און אַלץ ווי פריהער האָט זיך גענומען בעוועגען: עס האָבען זיך געבויגען די שפּיטצען פון די ביימער, און דער וואַסערפאַל האָט ווי פריהער זיך געקייקעלט און גערוישט, און די ראָד פון מיהל האָט זיך גענומען דרעהען.

און דורך דער שטילקייט פון דעם נאָהנטען מאַרגען האָט זיך מיט אַמאָל געלאָזט הערען עפּעס אַ זאָנדערבאַרער געזאַנג.

זיי האָבען זיך צוגעהערט.

— וואָס זינגען זיי די שאָטענס ? — האָט זי געפרעגט.

— זיי זינגען זייער ערוואַרטונגס ליעד.

— אויף וואָס, און אויף וועמען וואַרטען זיי ?

— זיי וואַרטען אויף אימעצען, — אויף וועמען ווייס איך אַליין אויך ניט...

— און צו דען מיינסט דו אז דער יעניגער אויף וועמען זיי ווארטען וועט קומען ?...

— פיעלייכט יע, און פיעלייכט ניט...

זי האט איראָניש געשמייכעלט.

— עפּעס מאָדנע איז זייער געזאַנג, — האט זי זיך אזוי ווי צוהערענדיג געזאגט. — און מיר דאכט זיך אז אין זייער זינגען ליעגט זעהר פיעל בענקעניש. — געזונדע, נאָרמאלע מענשען זינגען ניט אזוי... נאך וועמען בענקען זיי ?

— פיעלייכט נאך א גאט, אדער פיעלייכט נאכ׳ן לעבען...

— זיי האבען דאך שוין איינמאָל געהאט א גאָט, זיי האבען דאך שוין איינמאָל געלעבט...

— אָט אזוי איז די נאטור פון שאָטענס : דאס וואס זיי האבען, ווערט זיי מיאוס, און דאס וואס זיי האבען ניט, נאך דעם בענקען זיי.

זי האט זיך פערקלערט.

ווי אין שעהנע וואסער קאָליארען האט זיך פּאמעלאך אנגערוקט די גרויע מארגען דעמערונג און זי האט איינגעוועבט דעם גאנצען שטח אין א דורכזיכטיגען גאז פון גרויקייט.

דער הימעל אין מזרח זייט האט זיך בעפארבט מיט א דינעם ראָזעווען אָבשלאג. און ניט ווייט פון דער ראָזעווער ליניע האבען זיך אין שטרייפען איבער דער גאנצער ברייט, אויסגעצויגען שטיקער ווייסע מילך וואָלקענס. — און אין ווינקעל פון הימעל האט געפינקעלט דער מאָרגען שטערען.

און געבלאָזען האט א קיהלער ווינטעל, און דער רוהיגער טייך האט זיך געוועלט אין פאלדען ווי א טוך.

אין דער גרויער ווייטקייט האט זיך וואס גענומען בעוועגען. — און די בלייכע סארע שאָטענס האבען זיך ווי אין א לאגער פארנאנדער געשאָטען איבער׳ן פעלד.

פון דעם פערנאנדער געשאָטענעם לאגער האבען זיך אבגעטהיילט עטליכע שאָטענס, און האבען זיך דערנעהנטערט צו זיי.

— וואס זיצט איהר אזוי רוהיג, — האבען די שאָטענס מיט א פערשטיקטען קול זיך געווענדט צו זיי. — קומט מיט אונז און העלפט אונז זינגען...

און פינסטערע געשטאלטען, גלייך ווי זיי וואלטען פון קבר ארויסגעקראכען זיינען זיי געוועזען, און פון זייערע פינסטערע אוי־

גען האט געווייהעט א קעלט, א מין שרעקליכער פראָסט.

זיי האט דורכגעשווידערט.

— וואס ווילט איהר פון אונז, — האט זי זיך צו זיי גע־ווענדעט. — זעהט איהר דען ניט אז מיר לעבען ?...

— קוקט אַן די לעבעדיגע !... קוקט אַן די לעבעדיגע, — האבען זיי טייפליש געלאכט.

און אונהיימליך האבען איהרע אויגען א ברען געטהון. — און זיי האבען זיך אזוי ווי דערשראקען. עס איז געוועזען א מאָ־מענט ווען עס האט אויסגעקוקט גלייך ווי דער טוידט און לעבען וואלטען געשטאנען איינע אנטקעגען די אנדערע געזיכט צו גע־זיכט.

— פערשווינדט ! — האט זי מיט פעראכטונג און געביע־טעריש גערעדט. — פערשווינדט איהר קראנקע און וואנדערענדיגע נשמות... פערפעסטעט ניט די לופט מיט אייער קראנקער שטימונג... גענוג, גענוג !... איהר האט אונז שוין פארמאטערט, און איצטער לאזט אונז אביסעל פרייער אויפלעבען !...

— מיר האבען ניט וואוהין צו פערשווינדען, — האבען די שאטענס גערעדט. — באלד וועט ליכטיג ווערען... באלד וועט פריי־ער און פרייליכער ווערען...

זי האט ווידער איראָניש געשמייכעלט.

— אומזיסט האָפט איהר אויפ'ן טאג, — האט זי גערעדט. — דער טאג וועט אייך נאך עלענדער מאכען : ער וועט בעלייכטען אייער העסליכען עלענד...

עס זיינען געשטאנען די שאטענס, און זייערע קעפּ האבען זיך אראָפּגעלאָזען.

— טאָ וואס זאלען מיר טהון ? — האבען זיך די שאָטענס נעקלאגט. — וואס זאלען מיר טהון אז ס'איז אונז פּאָרט לאנג־ווייליג — גיעב אונז לעבען !...

— הערט אויף צו בענקען...

— דאמאלס זיינען מיר ערגער ווי טוידטע...

בלייכער און ריינער איז אלץ געווארען דער הימעל, — די לופט אלץ קלעהרער און גרויער, און דער גאנצער מזרח זייט האט זיך בעפארבט מיט א דינעם ווייכען פורפור.

און די גאנצע ארמעע פון שאָטענס איז מעהר קענטיגער גע־ווארען און אין זייער צוואָרפענעם לאגער האט זיך בעמערקט א

אונרוהיגע און פיבערדיגע בעוועגונג.

און מיט אמאָל האט די גאנצע ארמעע פון שאָטענס אָנ־געהויבען צו טאנצען ווי ווילדע, און עפּעס א זאָנדערבארער גע־זאנג האט זיך ארויגעריסען פון זייערע מיילער.

— מיין גאט, זיי זיינען פערלארען !... — האט זי אויס־געשריען. — זיי טאנצען זייער לעצטען טאנץ — דעם טוידטען טאנץ !... לאָמיר גיכער פליהען צו זיי !.. פיעלייכט וועלען מיר זיי נאך קענען ראטעווען...

און געשווינד, ווי געטראגען פון ווינד זיינען זיי צו די שאָ־טענס געפלויגען.

— האלט !... — האט זי מיט פייער שיסענדיגע אויגען אויסגעשריען.

און ווי א געטין פון נקמה, ווי איין אנזאָגערין פון אונפער־מיידליכען שטורם איז זי מיט אן אויסגעשטרעקטען ארים געשטא־נען איבער זיי.

זיי זיינען אויף א ווילע געבליעבען שטעהן און האבען איינ־געגראבען זייערע גלעזערנע אויגען אין דער וואונדערליכער ער־שיינונג.

— וואס טאנצט איהר ? האט זי בעפעהלענד געפרעגט.

— מיר טאנצען אנטקעגען דעם באלד קומענדיגען טאָג...

— דער טאג וועט קיין מאָל ניט קומען...

— דו לאכסט פון אונז !

— איך לאך קיינמאָל ניט...

— וואס מיינסט דו דער טאג וועט ניט קומען ! — האבען זיי געשריען. — אנו, קוק אין מזרח זייט ווי קלאָר עס ווערט דער הימעל...

— דער הימעל איז שוין אזוי מיליאָנען מאָהל קלאר געווא־רען, — און קיין טאג איז אלץ ניט געוועזען.

— דו ביזט א ליגנערין, א ליגנערין !... עס איז געוועזען טאָג און עס וועט זיין וייטער טאָג — און מירווארטען, און מירווארטען !...

זי האט מיט פעראכטונג געלאכט.

— איך וויים אז איהרווארט פון אייביג אָן, — אבער האט איהר זיך ווען אויף עפּעס דערווארט ?

— מיר וועלען זיך דערווארטען !... מיר וועלען זיך דער־

ווארטען !...

— איידער איהר וועט זיך דערווארטען וועט איהר שוין לאנג טוידט זיין...

— מיר וועלען לעבען, מיר וועלען לעבען !...

— איך וועל אייך וואס ווייזען : — קוקט זיך איין אויף דער טוידטער שטאדט...

אלע האבען אבגעקעהרט די קעפּ צו דער ניט ווייט ליגענדער שטאדט און א יאָמערליכער אויסגעשריי האט זיך פון אלע מיילער ארויסגעריסען.

פון איבער דער שטאדט האט זיך אויפגעהויבען א שווארצער רויך דורכגעדרייט מיט לאנגע געדרייטע שטענגעס פייער, וועלכע האבען מיט א ווילדען אויסברוך זיך אלץ ווייטער מעהר פערשפּרייט, — דער גאנצער הימעל איז אבגעפארבט געווארען ווי מיט בלוט...

עס האט געשטורעמט דאס פייער, געקנאקט און געריסען, און דער רויך האט זיך ווי שווארצע שטיקער וואלקען געקייקעלט הורבעם ווייס אין דער לופטען.

די האלב דונקעלקייט פון דעם פריהמארגען איז פערשוואונדען, און בלוט רויטער פייער האט אָנגעפיעלט דעם גאנצען חלל, און עס האט אויסגעזעהן אז אלץ ווערט איינגעטונקט אין פייער.

וואס רויטער דער הימעל איז געווארען אלץ פינסטערער איז די ערד געוועזען, און א שרעקליכע מורא האט געשוועבט צווישען הימעל און ערד.

מאָדנע אומעדיג און איינטאָניג האבען די גלעקער געקלונגען, גלייך ווי זיי וואלטען דערפיהלט אז דאס קלינגען זיי צום לעצטען מאָל, אז באלד, באלד וועט זיי דאס פייער אויפעסען.

— מיר ברענען, מיר ברענען ! — האבען די שאָטענס געיאָמערט. — אונזער גאנצע גוטס און האָב ווערט פערניכטעט !...

— דאס ברענט די טוידטע שטאדט ! — האט זי געיובעלט.

— דאס ברענט די פערפּוילטע שטאדט !... אך וואס פאר א וואונדערליכע בילד עס איז !... רוים, רוים האט אמאָל אזוי געברענט !...

דער שלייער פון איהר געזיכט האט זיך אראָפּגערוקט און איהרע גרויסע אויגען האבען זיך אזוי ווי אָנגעצונדען מיט אן׳ אונהיימליך טייפעלשען פייער. איהרע האר האבען זיך פארנאנ־

דער געלאזען, און זיי זיינען געפאלען, אזוי ווי אין שלאנגען געדרייטע לאקען, ארום איהר קלאהרען נאקען. איהר קוק איז געווען מורא'דיג, — איהר געזיכטס אויסדריק געביעטעריש און טריאומפפירענד.

— עס ברענט די טוידטע שטאדט !... און זאל אלעס טוידטע פערברענט ווערען !...

און עפעס ניט געוויינליכעס איז מיט די שאטענס פארגעקומען. זיי זיינען ווי ווילד געווארען, און זייערע פינסטערע איינגעפאלענע אויגען האבען אויסגעדריקט א שרעקליכע פערצווייפלונג און א בלוטדורשטיגע ראכעלוסט.

זיי האבען זיך מיט א צוויושעטער ווילדקייט צו איהר געווארפען און האבען ווילד אין איין קול געשריען :

— דו, דו ביזט שולדיג אין אונזער ברענען !... דו, דו האסט פעראורזאכט דעם פייער !...

— דער'הרג'עט איהר ! דער'הרג'עט איהר !... האבען זיי געשריען.

און זי האט שפאטיש געלאכט.

און ווי א ווילדע שטורם כוואליע האבען זיך אלע מיט כעס אויף איהר א ווארף געטהון, און אין דעם זעלבען מאמענט איז זי שוין געלעגען טוידט צו דער ערד.

אבער טריאומפפירענד האבען נאך געשמייכעלט איהרע ליפען, גלייך ווי דער שמייכעל וואלט ריידען :

— נאררען צו דען האט איהר מיך דער'הרג'עט ! ? — איהר האט זיך זעלבסט ערמארדעט...

און ווען די זון איז אויפגעגאנגען איז זי געוועזען ליכטיגער און רויטער ווי אלע מאל : א רויטע, א פייערדיגע איז זי געשטאנען ביים ברעג פון האריזאנט און זי האט בעלויכטען די פעלדער און וועלדער מיט דער אבגעברענטער שטאדט. — אבער פוסט און וויסט איז אלץ געלעגען, און עס איז ניט געוועזען דער זון פאר וועמען צולייכטען...

# מיין געטין.

ווי א גאלד־געוועבטער חלום
אנגעזאפט מיט בלומענ־דופט,
שוועבט אראָפּ צו מיר מיין געטין
ווי אַ מלאך פון דער לופט.

און די אויגען איהרע — הימלען !
טיעפע, בלויע־הימלען צוויי! —
און מיר דאכט זיך אז צוויי זונען
גליהען, כשופ'ען אין זיי...

איהרס א בליק — אַ קוואַל פון לעבען,
וואו די ליעבע אייביג גלאַנצט —
איהרע בריסט — אַ ליליען־צווייללינג
ווי פון גאט אליין פערפלאַנצט...

און איהר מויל — אַ נעסט פון קוסען —
ליפּען — פּורפּורנער קאַליר ;
יעדער האוך — א בשמים־בליהונג,
יעדער קוס — אַ מאָרגען־שיר...

איהרע האָר — אַ פאליע שטראלען
דין געקרייזעלטע מיט חן —
יעדער לאָק — א גאָלדען־פרענזעל
היינגט אַרונטער וואונדער־שעהן.

ס'איז מיין הימלישע געליעבטע,
וואס ביי איהר געפין איך רוה — —
מיט איהר האַנד, די סאַמעט־ווייכע,
מאַכט זי מיר די אויגען צו — — —

י. אַדלער.

# בין השמשות.

איך ליעב די בין השמשות צייט, ווען אלעס איז ארום ווי אונ־בעשטימט, ווען ליכט און שאָטען איז צונויפגעמישט אין איין הארמאָניש־מאטהען שיין.

אבענד שאָטענס ווערען אין דער לופט געבאָרען, וואקסען מיט אן אונזיכטבארע שנעלקייט, זאפען איין אין זיך די ליכט שטראהלען און לעשען אויס דעם לעצטען אטהעם־צוג פון טאָג.

דער לעצטער רויש פון שטארבענדיגען טאָג בעגעגענט מיט דעם שווייגען פון דער נאכט, פארמישט זיך שאפענדיג א שעפּ־טשען קלאנג.

און ס'טראגט זיך אין דער לופט דער גוסס קלאנג פון טאָג, און ס'ווערט דער אויר פול מיט דעם ערשטען נאכט געזאנג.

און ס'זעהט זיך אלץ ארום איין מאטהען שיין פון צאנ־קענדיגען טאָג און נאכט וואס האלט ערשט אין געבאָרען ווערען.

און ס'גיסט זיך אלץ צונויף...

איין אבענד־קלייד, געוועבט פון נעבעלדיגען שיין בעדעקט דעם גאנצען שטח וואס די יונגע נאכט ערלויבט דאס אויג צו זעהן.

עס מורמלען שטיל די בוימער זייער נאכט געבעט, און ס'פיהלט זיך אין דער לופט א טויט־געררוך... ווי יאָהר־צייט ליכט־לעך, צינדען זיך די שטערען אָן; געשטאָרבען איז דער טאָג... די נאכט הערשט יעצט מיט פולער מאכט...

דאן פיללט זיך אָן דאס הארץ מיט אונבעשטימטער בענק־שאפט, מיט וואונשען און פערלאנגען אונערקלעהרליכע...

און כ'ווינש זיך נור — מיין איך זאל איינזאפען אין זיך דער אבענד ים, ווי שטראהלען לייכט זיך אויסלעשען זאל אויך מיין לעבענ'ס פלאם.

ד. בענדזשאַמין.

# נאכט.

ווען ס'גיסט פאנאנדער זיך א ים פון פינסטערנים און טרינקט די גאנצע וועלט מיט זיינע כוואליעס אן; און ניט נור העלעם ליכט, נור יעדען מאטהען שיין וואס צאנקט קוים אין דער לופט, דערשטיקט די נאכט און קליידט די גאנצע וועלט אין שא־טען קליידער אן; און ס'זעהט דאס אויג פאר זיך אן ענדלאָז־שווארצען ים — די גאנצע וועלט אין שאָטענס איינגעהילט. —

פיהל איך ווי פערלאָרען זיך אין ים פון פינסטערנים. כ'פיהל ווי ס'אומארעמט מיך די נאכט; שאָטענ־כוואליעס רינגלען מיך ארום, טריעפען טראָפענס חושך אין מיין ברוסט, לעשען אוים די לעצטע פונקען האָפענונג וואס טליעהען קוים נאך דאָרט... און לאנגזאם, לאנגזאם זינק איך אין א'ן ענדלאז־שווארצען תהום...

ד. בענדזשאמין

# א ליעדעל.

כ'ליעב צו בלאנזשען ביי דעם טייך
א פער'חלום'טער פערטראכט,
אין א שטילע, אין א שעהנע
א לבנה'דיגע נאכט.
ווארום געה איך ביי דעם טייך?
ווארום ליעב איך יענעם אָרט?
צו מיין טייערסטע און ליעבסטע
פון מיין הארצען זוך איך דארט?...

אויפ'ן צווייטען ברעג פון טייך
יעדע שעהנע, שטילע נאכט;
זעה איך בלאנזשען דארט א מיידעל
א פאר'חלום'טע, פערטראכט —
ווארום בלאנזשעט זיא דארט אום?
ווארום ליעבט זיא יענעם ארט?
צו דעם טייערסטען און ליעבסטען
פון איהר הארצען זוכט זי דארט?...

מאני לייב.

# עררינגערונג.

ס׳ארא ווייט ! ס׳ארא ברייט !
פאר דעם מענשליכען בליק.
ס׳האט דער ווינטער געבויט
איבער נאַכט אַזאַ בריק.
ניט קיין צאַם, ניט קיין בוים
פריי און אָפען דיא וועלט ;
ניט קיין טייך, ניט קיין גרוב —
געה וואָהין דיר געפעלט.
ווייסע פעלד, ברייטע פעלד
אין אַ וועגעלע שמאָהל,
וויא אַ בליסצענדער שווערד
טהיילט אויף צווייען דעם טהאָל.
און אַ פינטעלע דאָרט
וויא אַ פליג, קליין און שווארץ,
טאַנצט און שפּרינגט אין גאַלאָפּ
אויף דער ערד׳ס ווייסע האַרץ.
און אַ גלעקעלע קלינגט :
פרעהלאך־העל איז זיין טאָן,
ס׳קנאַקט ביים קוטשער דיא בייטש,
ס׳טראגט דאָס פערד וויא ער קאָן.
ס׳פאָהרט א סוחר פון שטאָדט,
מיט א בוזעם פול געלד,
אין אַ ווארעמען פעלץ,
דאָך איהם טרייסעלט פאר קעלט.
און איך לויף אום דעם טאָג
נאַקעט־הויל אויף דער גאַס.
מיר איז היים... אין פון שוויים
איז דער שטערען מיר נאַס...

י. ראָלניק.

# די רויטע בלום.

## פון א. ראבאי

(געווידמעט ידידיה מרגלית)

דאס שטעדטעל איז פערשטעקט אין א טיעפען, גראבען שנעע. פון אויבען שפרייטען זיך ברייטע און גרין־בלוויליכע הימלען, און די קלייניגקע זון לויפט א פערפרארענע, א פערציטערטע, בארג אראב און איז קאלט און גלייכגילטיג צום שטעדטעל. פון די קליינע נידריגע קוימענס ציהען זיך גלייכע, דורכזיכטיגע, צום הימעל־שטרעקענדע זיילען, רויך, וואס ווערען דארט אין פראסטיגען, בלוי־ווייסען רוים פערשוואומען און צוקראכען. שטום, ווי פערכאפט פון עפעס זעהר א הערליכען געדאנק, שטעהען די צוויי לאנגע צייַלען שטיבער אין דער „שעהנער גאס“ מיט ווייסע, שנעע־זילבערנע קאלפאקעס־דעכער, און קוקען מיט זייערע ניט־ריינע, פון דער זון אבגעפרארענע פענסטער, אויף דעם פרישען, גלייכען שנעע — אפשר איז דער הערליכער געדאנק אזא מין פערלאנג צו האבען פיס און צו טאן א שפאן איבער דעם קלאהרען שנעע און מאכען א לאנגען פאס פון טיעפע גלייכע טריט.

דער שנעע איז גלייך און גאנץ אין דער „שעהנער גאס“, קיינער האט איהם, דאכט זיך, נאך ניט בעריהרט, און קיין פוס האט אויף איהם נאך ניט געטראטען — טראכטען זיך די איינוואהנער פון דער גאס, אז זייערע פיס זיינען גראב, ווילד און זיי וואגען ניט צו טרעטען דעם ריינעם שנעע; צו זיינען זייערע פיס אזוי איידעל און גרינג, אז ווען זיי טרעטען, דערקענט מען ניט קיינע שפורען, און דאס גאנצקייט ווערט ניט צושטערט? ריינער שנעע, ציהט זיך ארויס פון דעם הויז און שפרייט זיך הינטער דיינע פיס און שלעפט דיך: קוק מענש, שטעל דיינע פיס פעסט און ברייט, און זאלסט אויסמעסטען וואו ערגעץ א טיעפעניש און זאלסט שפאנען דארט וואו קיינער האט נאך ניט געוואגט צו שטעלען א פוס. און מארגען וועסטו אויפשטעהן אין דערפריה, וועסטו זעהן אז דיינע טריט זיינען פערשאטען, נישטא פון זיי קיין זכר. וועט עס דיך נאך מעהרער רייסען און וועקען און וועסט געהן נאך מיט טיעפערע טריט.

פרישער, ווייסער שנעע! קינד און אלט, יונג און מיטעל טהוט ער גלייך וועקען און רייסען פון הויז: געהט יעדער איינער אין א בעזונדערע ריכטונג. דער שטח איז ווייט און ברייט.

---

איך און טאניע פאהרען ארויס פון טויער אויף דער „שעה־נער גאס“, אין א גלאנצענדיגען, ברוין־געפארבטען שליטען מיט שינעס, וואס ציהען זיך אין פארענט אריין קיילכדיג און בייכיג. און אין אכט־עקיכיג־געטאקטען דישל זיינען צוויי פעט־גרויע פערד געשפאנט.

איך קוטשיר און זיץ מיט דער פלייצע הארט צוגעדריקט צום געשניצטען ווענטיל פונ'ם שליטען, און מיינע פינגער פלאנ־טערען זיך וואס פעסטער אין די גרינע, ברייטע לייצעס, וועלכע די פערד רייסען צו זיך און ווילען מיך גובר זיין. מיינע פיס שטרעק איך הינטער דער שווארצער, דיקער בערנפעל און אז זיי קומען דארט אין דער פינסטער אין א ענגער בעריהרונג מיט איהרע דינינקע פיסעלעך, רוקען זיך מיינע צוערשט, ווי פערשעהמטע, אב און נאכדעם טהוען זיי זיך ענטשלאסען א דריק צו. און איך בעגעגען זיך מיט איהרע אויגען וואס האבען געווארט מיט איין ערלויבניש־שמייכעלע כאטש פון איהר מויל, רייסט זיך ארויס עפעס ווי דער ווינטעל, וואס שוועבט מיט דער לייננ גאס וואלט עם ארויסרייסען, א דין שארף ווארט: — אין גא־א־ם!

די גאס לויפט צוריקוועגס פון אונז און פנימער מיט א האל־בען חוזיק און א האלבען וואונדער פערשווימען ביי די פענסטער.

מיר דריקען זיך פעסט איינע צו די אנדערע און ווערען פערכאפט פון דער דורכזיכטיגער ווייטקייט וואס עפענט זיך ביים עק גאס. זי אין מיר, איך אין איהר, גלייך ווי צוויי נשמות וואל־טען דאס שוועבען צו איין צוועק.

מיר פאהרען ארויס אין דאס פרייע, ווייטע פעלד, און א ברייטער שטח פון שנעע און הימעל ענטפלעקט זיך פאר אונז, ווי עמיצער וואלט עס ווייסע לייליעכער געשפרייט, אז מיר זאלען אי־בער זיי פאהרען.

און דאס ווייסקייט פונ'ם שנעע פערכאפט אין זיך א לייכ־טען אבשיין פון די בלויע הימלען און דער רימעל קומט ארויס ווייס־בלוילעך און צווישען הימעל און שנעע ליגט א דינער לייכט־

גרינער שלייער און שטיל איז, ווי מיר וואלטען פאהרען עפּעס צו מתקן זיין.

און די פערד טהוען זיך א לאז און זייערע עקען צופליהען זיך איינציגע האָר, און זייערע פיס טהוען טרעטען צו דעם נאָך ניט בעריהרטען שנעע, לייכט און ווייך. און עס פליהען ווייסענקע, זילבערנע פונקען פון הינטען זייערע פיס און לעגען זיך אויף אונזערע פנימער.

די פערד לויפען אהן א צוועק און אהן א גרענעץ. עס איז ניטא פאר זיי קיין וועג און קיין זאך האלט זיי ניט אב. דער שנעע שפּרייט זיך ריין און ווייך, דעקט צו טאָהל און בארג, טריקעניש און זומפּ — בעגלייך.

און איך לאז אב די לייצעס, און די פערד טהוען זיך א ריס און הויבען אונטער די הינטערשטע פיס, און די פאָרדערשטע בויגען זיי אויס און נעהמען זיך שוועבען. און דער שליטען גיט זיך פריהער ווי מיט אימפּעט א רוק, און נאכדעם לאזט ער זיך אוועק שנעל און שארף איינשניידענדיג דעם טיעפען גלייכען שנעע. און שטיל דערצעהלט ער א צויבער־מעלאדיע־מעשה: — שי־י־רך!

איך דערפיהל זיך, פלוצלונג, זעהר לייכט, כמעט צום פליהען, און שטעל אָן א שטארצען ברייטען קוק אויף איהר.

זי זיצט האלב שטרעקענד אן־געשפּארט אן דאס געשניצטע ווענטעל און פון אונטער דעם קאראקולענעם קוצמעלע קעמט זיך ביי איהר ארויס א לאנגער, שווארצער, גראב־געפלאכטענער צאָפּ, וואס הענגט ארונטער פון יענער זייט ווענטעל און שלעפט זיך כמעט נאך אויף דעם זילבערנעם שנעע. איהרע אויגען זיינען פייכט, און די שווארץ־אפּלען שטעכען דורך דעם ריינעם לופט־שלייער. איך בעמערק, אז אין די פולע זוימען פון איהרע מאסיוו־פליישיגע ליפּען שמייכעלט א סוד: —

„— זאלען מיר שיינקען ליכט דער וועלט?“

און דאן כאפּט זיך ביי מיר ארויס היים און שטיל:

— איך בין יעצט געבאָרען געווארען.

זי טהוט זיך א לייכטען וואקעל און איהר געזיכט צינדט זיך אן מיט א רויטען פלאם, וואס איהרע אויגען פערפליעסען.

— אין ווינטע־ע־ר־ר?

פרעגט זי שטיל און טהוט זיך א הויב פון ווענטעל און נעמט זיך רוקען איהרע הענד נאך טיעפער אין דאס שווארצע מופעל

ניט אראבנעהמענדיג איהרע אויגען פון מיר. מיר איז דאס געווען ווי זי וואלט ערוואַרטען עפּעס: — „מענש, וואס האסטו צו דער־צעהלען?“ און איך בויג זיך אוים לייכט, שפּאַר אן מיין לינקע האנד אויף איהרע קניע און מיט דער רעכטער האנד געשטרעקט ארום איהר טאַליע און מיין קאָפּ צו איהר ברוסט גענייגט, מיט פעסט צוזאמענגעדריקטע אויגען רעד איך און איך הער ניט, דאכט זיך, מיינע אייגענע רייד. דאס שניידען פון די שינעם הערט אויף אויף; נור א ווארעמקייט פיהל איך, ווי עס פליסט פון איהר ברוסט, דורך די שאָפּענע קוצמע און עס שטראמט צווישען מיינע האָאַר.

---

„...עס איז געוועזען, אז איך בין אין מיין שטובען־לאָך גע לעגען און געקוקט דורך דאס פענסטער און איך האב דערזעהן ווי דער שנעע שיט זיך פון אויבען צו דער ערד. מיט אימפּעט האָב איך דאס ווינטער פּאַלטאָ אויף זיך געצויגען, מיין שאפּענע קוצמע אנ־גערוקט טיעף ביז צום האלז, פערוואַרפען דעם געלען קאַלפּאַק אי־בער די פּלייצע, די דינע שווארצע כאַליאָוועס פערצויגען ביז אי־בער די קניע און זיך ארויסגעריסען פון מיין צימער׳ל און גענומען שפּרייזען און וואנדלען שנעל און גרינג איבער די גאסען. יעדער גאס בין איך איבערגעפלויגען צעהנדליגער מאָהל און נאכדעם בין איך ארוים אין דאס פרייע שנעע־פעלד און מיט אפענע אויגען גע־שפּרייזט און געווארפען מיט די הענד און געאטהעמט מיט דער ברוסט פריי און ברייט.

אללעם ארום מיר האָט זיך געהילט אין ווייסען און קיין נפש איז געוועזען צו זעהן, און איך אליין בין געגאנגען און מיט יעדער שטיקעלע שנעע וואס איז פון הימעל צו דער ערד געפאלען האָב איך מקבל געווען צווייבער־ריינע ווערטער וואס עמיצער האָט צו מיר, שטיל און היים, געשיקט.

און אז דער שנעע האָט אויפגעהערט צו שיטען, האָב איך זיך דערפיהלט איינזאם און אנגעהויבען צו בייינקען נאך עפּעס, און געשפּרייזט איבער די טיעפע שנעע און געזוכט עפּעס.

„איך בין צו א פּלאַץ געקומען, וואס קיין פוס האָט נאך דארט ניט געטראטען און גאנץ איז דער שנעע געוועזען, און דער בלויער הימעל האָט ריין און הערליך דאס פּלאַטץ איינגעהילט, און עס האָט אויסגעוויעזען ווי א ריין אונשולדיגע טאכטער דעקט

זיך איין דעם קאפּ מיט א בלויען זייד־טוך, בכדי אז איין לאָקען־האָאָר זאל ניט ארויסשטעקען און א פרעמד אויג זאל עס זעהן און חלילה געלוסטען.

„ — איך האָב דערזעהן א רויטע שנעע־בלום וואקסען ניד־ריג און פרום ביים שנעע און איך האָב געגלוסט און לייכט צוגע־גאנגען זיך איינגעבויגען און מיט הייסע פינגער זי אבגעריסען...“

---

איך און טאניע ליגען אויפ׳ן שנעע.

מיינע הענד פעסט ארום איהר טאַליע, און מיין קאפּ אריינ־געגראבען אין איהר ברוסט. און איך פיהל ווי איהר מאסיוו־פליי־שיגע ליפּען פרעסען זיך צווישען מיינע האָאָר.

איהרע שווארצע האָאָר זיינען צובארשטען און צוואווארפען. ווייסע שטיקער שנעע פלעכטען זיך ווי שטיקער זילבער צווישען זיי.

נאָהענט פון אונז ציהט זיך א וועג — קרום און צוצויגען. קענטיג אז די פערד האָבען איהם געמאכט אין האסט און שרעק פאר עפּעס זעהר א מורא׳דיגער זאך.

* * *

עס וויטהעט אין דרויסען דער שטורעם
און קלאפּט אין דיא לאדענס פון הויז,
איך געה צו צום פענסטער דערשראקען
און קוק אין דעם גארטען ארויס.

דער הימעל איז שווארץ און פערשלייערט,
פאַר׳חושך׳ט, קיין לעבעדיג׳ס שיין —
און ס׳זוכט וואס מיין אויג אין דער פינסטער,
וויא דארט וואלט א פריינד מיינער זיין.

מאני לייב.

# בעגינען.

## פון דוד"ל הארפע

א הייליגע צייט...

די נאכט האלט ביים אבשטארבען; דער טאָג ביים געבאָרען ווערען; און גרייט שטעהט די זון אין איהר בעהעלטעניס און געהט נאך ניט ארויס. און עס ציהט זיך און ציהט זיך די הייליגע צייט...

איידער די שטערען לעשען זיך, איידער דער מזרח ער־רייטעט זיך — בלאַנדזשען הייליגע מלאכים אום און שפרייטען אויס שטילע סודות פון דעם קומענדיגען טאָג — — —

און די ערד, זי טובל'ט זיך איהר טבילה אין דעם פרישען און דעם קלאָהרען זילבער־טהוי.

און מיינע ליפען זיי מורמלען א תפלה צום הימעל: זאל דויערען וואס לענגער די הייליגע צייט — מיט דעם יונגען טאָג ווערט אויך דער יאוש געבאָרען — מיט דעם ערשטען שטראהל קומט אויך דער טיעפער זיפץ וואָס קען ניט געשטילט ווערען... זאל זיך ציהען וואס לענגער דער הייליגער מאָמענט און זאל נאך דער זיפץ ניט געהערט ווערען! — — —

און ס'דרעמלען די שטערען מיט אָפענע אויגען פערוויגט און פערשלעפערט פון כרובים־געזאנגען...

ש־ש־ש־ש ניט שטערט דעם הייליגען מאָמענט!...

איך טראכט און פערטראכט זיך. און נאך מורמלען די ליפען צום הימעל די תפלה — און ריין איז דאס הארץ און זויבער די נשמה — ריין און זויבער ווי דער טאָג וואס איז נאך ניט געבאָרען — — —

די דונקעלהייט ווערט גרויער, די שאָטענס בלאסער; און א גרויסער הייליגער סוד שטעהט ווי פערגליווערט צווישען הימעל און ערד...

דער מזרח קינדיגט אָן דעם יונגען טאָג: א רויטער סימן ווייזט זיך... איבער די ווייטע פער'חלום'טע בערג ענטפּלעקט זיך א דין־שמאָל פייער־טאשמעלע...

אונבעשטימטע שאָטען־כוואַליעס מישען זיך אין דער גרויער דונקעלהייט... און עס דאכט זיך אוים ווי אויף שווארצע סאַמעט־פליגלען טראָגען זיך שטראהלענדע תפלות, מאכען זיך א וועג דורך די רויטע פרישע מאָרגען־פארבען, שוועבען צום כסא־הכבוד, צו דער געטליכער שכינה; און דאָרטען יובעלט אום א פרעהליכער: „מזל־טוב, מזל־טוב"! ס'ווערט א נייער טאָג געבאָרען!...

שטילע זיידענע ווינטלעך קומען און פלעכטען זיך אין די צווייגען פון די ביימער איין און שעפּטשען א „שחרית"־געבעט...

און די שטערען לעשען זיך... נור איינער האט זיך ווי א שומר אבגעשטעלט און קוקט פערגאפט צום רויטען מזרח־הימעל.

צווישען די גרויע־בערג איבער די טיפע טהאָלען הייגגעדינע, ווייסע נעבלען און ברייט און ווייט צוגיסען זיך די הימלען.

עס קומט דער הייליגער מאָמענט...

רויט־גאָלדענע פעדים־שטראהלען ענטפּלעקען זיך... ש־ש־ש הערט איהר דאס שטילע דאס זיסע מלאכים געזאנג? דאס פרומע, דאס הייליגע מאָרגען געבעט? — — — —

ש־ש־ש...

זעהט איהר ווי דער בורא נעהמט צוזאמען די געזאנגען,
פלעכט פון זיי א קרענצעל אוים און טהוט עס אָן
זיין שעהנסטען מלאך אויף זיין קאפּ?...
ש־ש־ש, ניט צושטערט דעם
לעצטען הייליגען מאָמענט!
ס'ווערט א נייער טאג
געבארען!...

# ליעבע

(פון א פאעמא).

כ'האָב דיר דערקאַנט נאָך אין פריהיגען קינדהייט —
אפט, ביי דער נאכט אין די קינדערשע טרוימען
פלעגסטו צו מיר ווי א מלאך ערשיינען.
ס'פלעגען זיך חלומען לאנקעס מיט בלומען,
גאלדענע פעלדער און ליכטיגע הימלען;
אויגען צוויי טיעפע אזוי ווי אן אבגרונד
וועלכע עס קוקען מיט ליעבע און טרויער.
צעפ פלעגען שלאנגלען זיך אויף דיינע שולטערס
שווארץ ווי די פינסטערע נאכט אין דער הערבסט־צייט.
ס'פלעגט זיך דיין בילד אויך אין וואהר מיר ענטפלעקען
און ביי די הייליגע בלעטער פון תלמוד
פלעגט זיך מיר דאכטען איך זעה דיינע אויגען,
כ'גלעט דיינע סאמעט־צעפ ווייכע און שווערע,
כ'הער דיין פערטראכטע מעלאדישע שטימע.
שווער פלעגט מיין קאפ אין חלומות פערזינקען
איבער דעם הייליגען ספר, ביז וואנען
אויפוועקען פלעגט מיך דער קול פון מיין רבי'ן.
כ'פלעג דיר מיט גוואלד פון מיין מוח פערזאגען,
כ'פלעג זיך נור טרייסטען, אז באלד קומט אן שבת.
שבת פאר נאכט אין די לאנקעס די גרינע
ווען עס גערט אונטער די זונן און צושיידט זיך
מיט דער צעווארעמטער ערד וואס לעבט אב יעצט,
וועלכע עס אטהעמט מיט פרישקייט און פייכטקייט.
ס'ווערען די הימלען אלץ טיעפער און בלויער,
ס'לעשט זיך ביייזאכט אויס די רויטקייט פון מערב,
ס'נעדמען בעווייזען אין הימעל זיך שטערען;
טרויעריג אומעדיג קוואקעט א זשאבע
טיעף פון א וואסער א בלויען ארוים'עט.
ס'טראגט זיך פון ווייטען אין לופט אינ'ם קלארען,
גיסט זיך א ריינער געזאנג פול מיט קרעפטען,
האפנונג און גליק — דאס געזאנג פון די שניטער

וועלכע עס קערען זיך אום פון דער ארבייט
ווייט פון די פרישע און קראפטפאלע פעלדער.
ס'קומט זיך צונויף דא דאס יונגווארג פון שטעדטיל:
ס'שפראצען ארוים דא צוזאמען מיט גראזען
בלומען און קרייטער אויף יונגע געפיהלען,
צארטע געפיהלען וואס בינדען צוזאמען
פונקט ווי מיט זיידענע פעדים די הערצער.
אומבלאנדזען פלעג איך דארט צווישען די בערגליך,
כ'פלעג זיך אין שמעקענדע טהאלען פערקלייבען...
שטיל איז ארום, נור דאס הארץ קלאפט, פערגעהט זיך
דריקט זיך צונויף פון א זיסע ערווארטונג
ס'קלינגען פון ווייטען אויף זילבערנע קול'כלעך,
ס'גלאנצען פון ווייטען אויף ליכטיגע אויגען.
ס'שטיפען די חבר'טעם דיינע און הילכען,
יאגען זיך איינע די צווייטע, און שוועבען
פונקט ווי מלאכים מיט זילבערנע פליגעל.
דו נור, דו זיצט אינ'ם גראז א פערטראכטע —
טיעף אין דיין מח דעם יונגען האט זיך
ווייט א געדאנק וועגען עפּיס פערקליבען.
ס'האט זיך א פנים פון געדאנק אנגעצונדען
טיעף אין די הימעל-פער'חלומטע אויגען
וועלכע עס האבען געלויכטען פערטרויערט
אונטער געדיכטע און נאכט-שווארצע ברעמען.
כ'האב נישט פערשטעהן געקאנט דאן יענעם טרויער
וועלכעם עס האט דיר דיין הארצען דיין יונגעם
דענסטמאל געדריקט ווי א חמארע א שווערע;
כ'האב נישט פערשטעהן געקאנט דאן יענעם ווייטאג,
וועלכעם בענעצט האט דיין אויג שווער מיט טרעהרען,
פונקט ווי די זילבערנע טוי-טראפענס פאלען
אבענד-צייט זומער אויף לאנקעס און גערטנער,
אויף די פער'חלומטע גראזען און בלומען...
כשרה אויגען פון יודישע טעכטער!...

י. י. שווארץ.

אויגוסט, 1907.

# ליעדער.

.1

דאס שיינט ניט דיא זונן פון
דעם הימעל אראפ,
און שטערענדלעך שיט ניט
דיא נאכט אויף מיין קאפף.

דאס קנאלט ניט קיין דוננער
מיט פייער און פלאם,
דאס מאכט ניט קיין שטורם
צו רוישען דעם ים.

דאס קומט מיין געליעבטע
מיר היילען מיין שמערץ.
דאס שטראהלט יעצט מיין זעעלע,
דאס רודערט מיין הערץ...

.2

איך האָב דיר געשווארען אויף אייביג צו בלייבען
דיין פריינד, סיי אין פרייד, סיי אין ליידען, —
עס זאל אונז דיא מעכטיגסטע האנד פון דעם לעבען
ניט קענען דיא ליעבע צושיידען!

און וועט נור א ביטערע שעה אין דעם לעבען
פערלעשען אין מיר דיא געפיהלען;
זאלסטו מיך ניט צווינגען צו בלייבען דיין ליעבער,
דיא וועהטאגען וועט עס ניט שטילען.

און ווער איך פערפאראָרען — וואס טויג דיר מיין פריינדשאפט?
דיא ליעבע איז דעמאלט פון ווייטען;
דאן קענסטו זיך טרויסטען מיט יענע זכרונות
פון ליעבעס פערגאנגענע צייטען.

ש. ח. שניידער.

וויליאמס פרעסס
יוניאן פרינטערס
198 א. בראדוויי
ניי יארק




## אינהאלט פערצייכניס


די יוגענד — די רעדאקציאן.
חברים — ה. רויזענבלאט
חרטה — מ. שמואלזאהן
פאלקס מאטיוו — י. ראלניס
ווינטער — ש. ח. שניידער
שנעע. וואלקענעס — מ. י. חיימאוויטש
וואלקען — מאני לייב
שטורים — י. סלאנים
א נאסען בילד — א. ראבאיי
דער אלטער ר׳ חיים בער — ב. סענטער.
ליטעראַרישער איבערזיכט — י. ענטין



העפט No. 2

פרייז פיר סינגל קאפיע ניו יארק 5 סענט
אויסער ניו יארק 6 סענט. אויבלאנד 7ס
יעהרליך 50 ס. אויסלאנד 75 סענט.

יאנואר. 1908

ארויס גיגעבען פון „די יוגענד“ פאבלישינג אסאסייושאן.

ניו יארק. 26 דועפערזאהן סטריט

## פערלאג „קעמפפער“.

אין פערלאג „קעמפפער“ קריגט איהר אללע אויסגאבען פון פערלאג ;

דיא וועלט, ארבייטער פריינד, פראליטארישע וועלט, קדימה צוקונפט, אוואנגארד, צייט, ביב-ליאטעק, אינטער נאציאנאלע ביבליאטעק, היברו פובלישינג קאמפ. א. ז. וו.

מיר נעהמען אויך און סובסקרייבער אויף פאלגענדע זשורנאלע :

השלח, התחיה, העולם, דיא וועלט, און ראסאוועט.

## דער תמיד

פון ח. נ. ביאליק עבען ערשיענע דיזע מייסטערהאפטע פאעמא איבערזעצט

—( פון )—

### י. י. שווארץ

ארויסגעגעבען פון פערלאג „קעמפפער“

**פרייז 7 סענט.**

VERLAG „KAEMPFER

12 Jefferson St. New York

---

מאנוסקריפטען פיר „דער יוגענד“ מוזען צוגעשיקט ווערען אפון אדרעס פון „דער יוגענד“. פיר איין אנטווארט מוז צוגעשיקט ווערען „סטעמפס.“

אגענטען צו פערשפרייטען „דיא יוגענד“ פערלאנגט איבעראל.

---

# „דער ארבייטער“

איז דער אפיציעלער ארגאן פאר דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי (ס. ל. פ.) און פון דער אינד. וואירקערס אף דהי וואירלד.

צו בעקומען אויף אלע סטענדס יעדען שבת פריה.

סובסקריפשאן פרייז: א יאהר 50 סענט; א האלב יאהר 25 סענט. איינצעלנע קאפיע 1 סענט.

**"Der Arbeiter", 28 City Hall Place, N. Y.**

JACOB H. SCHIFF FUND
NEW YORK PUBLIC LIBRARY

THE NEW YORK
PUBLIC LIBRARY
439519
ASTOR, LENOX AND
TILDEN FOUNDATIONS.
1903

## די רעדאקציאן

# „די יוגענד"

מיט דיעזען נומער גייט „די יוגענד" איבער אין נייע הענט — אין די הענט פון איהרע שרייבער.

עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, דאס יידישע שרייבער — איבער־הויפט נאָך יונגע יידישע שרייבער, און די מייסטע מיטארבייטער פון דיעזער מאָנאט שריפט זיינען „יונגע", — זיינען ניט געבענשט מיט קיין גרויסע עשירות. די לאסט וועלכע די מיטארבייטער פון דיעזער שריפט נעהמען אויף זיך איז פאר זיי דעריבער א גאנץ שווערע. דאָך נעהמען זיי זי אויף זיך גאנץ גערן.

וואס בעוועגט זיי דערצו ?

דער וואונש צו שאפען פאר דער שעהנער יידישער ליטעראטור פון אמע־ריקא א זעלבסטשטענדיגע אייגענע היים.

די שיינע יידישע ליטעראטור, דאָ אין אמעריקא, שטעהט איין אין שכנות ביי דער פרעססע, און אלס פרעמדע, אלס שטיעף־קינד ווערט זי פון איהר בע־האנדעלט.

אונזער פרעססע עקזיסטירט אָדער פאר פראָפיט, אָדער פאר פער־שפרייטונג פון סאָציאלע אדער נאציאָנאליסטישע אידעען. קיין דירעקטען, אינ־נערליכען און עהרליכען אינטערעס פיר ליטעראטור האָט אונזער פרעססע קיינ־מאָל ניט געהאט.ביידע, אי די ביזנעס־פרעססע אי די פראָפאגאנדיסטישע האָ־בען פיעל געזינדיגט געגען דער שיינער ליטעראטור ; די ערשטע גאָד אָהן געוויסענביסע, די צווייטע, מיט צינישער קאָמפראָמיסליכקייט לשם אידעאל. אין ביי־דע טהיילען פון דער פרעססע פערנעהמט דער שונד דעם אנגעזעהנסטען אָרט. בייביידען איז דער „ווער" וויכטיגער איידער דער „וואָס" ; בייביידען פעהלט דער ברייטער, אביעקטיווער בליק אויף דער ליטעראטור, ביי ביידען פעהלט די עהרליכע, אויפקלעהרענדע קריטיק.

די מייסטע ווארט־פיהרער אין אונזער פרעססע זיינען מענשען, וועלכע ניט מיט עהרליכקייט צו דער זאך, ניט מיט ליעבע צו איהר, זיינען זיי די פאסענדע פערזאָנען צו בעשטימען דעם ווערטה פון די ליטעראַרישע שעפפונגען וועלכע פאלען צו זיי אריין.

זיי זיינען אזוי קאָמפּראָמיסליך, אזוי פארטייאיש און אזוי אלט־מאָדיש בנוגע צו ליטעראטור, דאָס אנשטאט ארויסצובריינגען נייע טאלאנטען, דערשטיקען זיי זיי גאָר אָפּט. אנשטאט אָנצואווייזען יונגע שרייבער דעם וועג צו זייער ברייטער ענטוויקלונג, פערקריפּלען זיי זיי גאָר.

אלס פאכלייט האָבען זיי די יונגע יידישע שרייבער פון אמעריקא ליעב די ליטעראטור און עס שמערצט זיי צוצוקוקען ווי די יידישע בעלעטריסטיק געפינט זיך דאָ אין גלות און ווערט בעהאנדעלט מיט צינישער הפקרות. זיי האָבען זיך דעריבער פעראייניגט אין „דער יוגענד“, אום צו שאפען אין איהר אן אייגענע היים פאר דער יידישער ליטעראטור און בעפרייען זי פון איהר לאנגען גלות אין וועלכען זי איז צוקיילט און צובייזלט געוואָרען. די יונגע יידישע שרייבער האָט שרעקליך דערעסען די רויהע, צינישע בעהאנדלונג וועלכע זיי זיינען אויסגעשטאנען פון זייערע רעדאקטערע און זיי האָבען בעשלאָסען צו ווערען זייערע אייגענע רעדאקטערע.

א זעלבסטשטענדיגע אייגענע היים פיר דער יידישער ליטעראטור אין אמעריקא — דאָס איז דער צוועק פון „דער יוגענד“.

כל התחלות קשות. „די יוגענד“ איז ניט בלויז אן אָנפאנג, נור אויך אן אָנפאנג פון עטוואס גאנץ נייעס. צי וועט „די יוגענד“ לאנג לעבען און געדייהען? מיר ווייסען עס ניט. מיר וועלען זיך אָבער ערנסט בעמיהען, בעמיהען זיך מיט אלע אונזערע קרעפטען זי אויפצוהאלטען, פערפאָלקאָמען איהר און ברייגגען זי וואס נעהענטער צום געווינשטען ציעל.

צי וועט עס אונז געלינגען?

מיר ווייסען עס ניט. מיר גלויבען אבער אין אונזערע כחות. אין די כחות פון דער אידישער ליטעראַרישער יוגענד. מיר גלויבען אויך אין דער וואהרהייט און אין דער קראפט פון ערנסטער מיה. און מיר גלויבען אז א פערבינדונג פון וואהרהייט און קראפט און ערנסטע מיה, מוזען זיך פריהער אדער שפּעטער דורכברעכען א וועג.

## ה. ראזענבלאט

# חברים.

צוויי דעמבעס אין זעלביגען וואַלד אויפגעוואַקסען,
צוזאַמען געגאָסען פון זומער די ברכות,
צוזאַמען געליטען פון ווינטער די קללות, —
און דאָך ווי פערשיעדען אין זיי'רע מזלות:

איין דעמב איז געוואָרען אַ מאַסט־בוים א שטאָלצער
און קעמפפט מיט די ים'ען און פעכט מיט די ווינטען.
דער צווייטער אַ בלוטיגע תליה געוואָרען
אויף וועלכער עס ווערען נשמות פערלאָרען.

נור אפט ווען די נאַכט שפרייט פונאַנדער אין הימעל
איהר בלויע זייד־חופה, מיט גאָלד־שטויב בעשפרינקעלט,
און צווישען דעם ים און דעם מאסט־בוים הערשט שלום,
בעווייזט זיך צום שטאָלצען דער חבר אין חלום.

בעווייזט זיך פאר איהם אין דעם 'שטאלט פון דער תליה,
געפאָרבען אין בלוט און געוואַשען אין טרעהרען...
עס כאַפּט זיך פון טרוים אויף דער מאַסט־בוים צוציטערט
און וויעגט אין דער נאַכט זיך בעטריעבט און פערביטערט...



## מ. שמואלזאהן

# חרטה.

ווען זי איז ארונטער פון דער אייזענ־באהן סטאנציאָן, האָט זי גענומען די שטראסען־באהן, וועלכע האָט זי נאך געדארפט צופיהרען א היבשע שטרעקע.

זי האָט זיך אויפגעזעצט. נעבען זיך האָט זי אוועקגעלעגט איהר קור־פערט.

אין הארצען ביי זיך האָט זי עפּעס דערפיהלט א נאָגענעש און א מאָד־נע שווערקייט.

זי האָט אונבעוואוסט איבערגעלעגט דעם קופערט אין א צווייטער זייט און צוועקלאָז איהם בעטראכט.

אין דעם קופערט פיהרט זי דאָס פּרעזענטען פאר זיי: א פּרעזענט פאר די קינדער, א פּרעזענט פאר דעם ברודער, פאר דער שוועגערין און א פּרעזענט פאר איהר...

איהר פּרעזענט, וועט די שוועגערין איהר אריבערשיקען... ביי דעם גע־דאנק דערפיהלט זי ווי עס יאָוועט זיך עפּעס ביי איהר א שרעקעניש און א קלאַ־פּעניש אין הארצען.

זי נעהמט זיך פּאָרען אינ'ם האנד־בייטעל, וואָס ליגט ביי איהר אויפ'ן שויס, נעהמט ארויס פון דארטען א נאָז־טיכעל, סאָרטירט פּאָרזיכטיג איבער די פּאפּירען, מיט'ן פּאפּיר־געלד, וואָס געפינט זיך דאָרט, ציהט זי ארויס א צור־קנייטשטען, געל־פערפלעקטען בריעף, און נעהמט זיך איהם לעזען...

לעזענדיג ווערען די אויגען אויפגערעגט, און די הענד נעהמען ציטערן...

וואָרום האָט זי דער שוועגערין ניט געשריבען וועגען איהר פּאָהרען?

— נעהמט זי זיך מאכען פּאָרווירפע — שוין אריבער צוויי וואָכען, אז זי האָט ערהאלטען דעם בריעף. אין צוויי וואָכען צייט, ווער וויים וואָס עס קען זיך מאכען? פיעלייכט איז זי שוין גאר צוריק געקומען...

זי הייבט זיך נערוועז אָן ארומדרעהען אויפ'ן זיץ און קוקען אלע מאָל אין פענסטער פון טראמוואי. יעדער גאס, יעדער הויז וואס פערשווינדעט פון איהרע אויגען, וועקט אין איהר אויף עפּעס א בענקענעש, א קלעמענעש...

זי נעהמט איבעררעכנען, און עס פערדריסט איהר גאָר אין גאנצען די רייזע. —צו וואָס? צו וועלכען צוועק פאָהרט זי?...

זי נעהמט זיך פאָרשטעלען, וואָס פאר אן אויפנאהמע, וואָס פאר א קבלת פּנים, זי קען דאָרטען האָבען. מעגליך, אז דער ברודער, זאָל איהר איינ־

פאַך אין הויז ניט אַריינלאָזען. ער זאָל זי אַרויסיאָגען מיט זלזולים... און דאָך...

זי דערמאָהנט זיך דעם איינדרוק וואָס דער בריעף האָט אויף איהר געמאַכט. וואָס שרייבט איהר אייגענטליך די שוועגערין ? גאָר ניט: זיי זיינען געזונד, מונטער. — און ליזע שרייבט זי — איז אַצינד אויף אַ דאַטשע... — ליזע איז אויף אַ דאַטשע. וואָס איז דען פאַרהאַנען אין די ווערטער ? און דאָך, וואָס פאַר אַ שטורעם, וואָס פאַר אַ אונגעהייערען פערלנג, וואָס פאַר אַ ציעהנעש די ווערטער האָבען ביי איהר אַרויסגערופען !...

ליזע איז אויף אַ דאַטשע. די שוועגערין מיינט זי, מסתמא, דערמיט צו טרייסטען, אַז ליזע האָט שוין פערגעסען... אַז ליזע האָט שוין אין זינען דאַטשעס... איהר אָבער, ווייזט זיך אויס, אַז ליזע איז עס פאַר צורת געפאָהרען אויף אַ דאַטשע, אַז ליזע איז קראַנק. ליזע האָט אויסצעהרונג...

ביי דעם געדאַנק געהט איהר דורך אַ שוידער איבער'ן לייב. זי נעהמט קוקען מיט'ן מויל אין'ם פענסטער, ווישען מיט די הענד, שרייבען מיט די פינגער, שלעפּען די שפּילקעס פון איהר היטעלע, בייסען די נעגעל...

זי גיט אַ קרעכץ. די שנאה, דער האַס, זייער פעראַכטונג! ביז וואַנען? אַלעס מוז דאָך האָבען אַן ענדע, אַלעס מוז דאָך האָבען אַ גרענעץ !... ביז וואַנען איז דער שיעור ?...

די שוועגערין, אַרט איהר ניט אַזוי, זי פיהלט מעהר אָדער ווייניגער מיט איהר מיט. זי זאָגט דאָס, נאַטירליך, ניט אַרויס. יענע איז דאָך אויך די זעלבע שוועגערין און נאָך די געשלאָגענע...

דער ברודער אָבער, ער איז ענטשיעדען אויף יענער'ס זייט... און מיט אַזאַ פערביסענקייט !...

בטבע איז ער אַ נערוועזער, אַ היציגע בריאה. און ער האָט געפייערט, געשריען, געזידעלט: „אַ לומפּעריי, אַ שווייניעריי, אַ נידערטרעכטיגקייט !“ עס קלינגט איהר נאָך איצט אין די אויערען דער כעס זיינער...

זי נעהמט בערעכענען. און זי פערשטעהט אַליין ניט, פאַר וואָס זי פיהלט עפּעס צו איהם קיין שנאה ניט דערפאַר. זאָגאַר דאַן, אויפ'ן פּלאַץ — געדענקט זי — האָט זי צו איהם קיין שנאה ניט געפיהלט. „איהר זאָלט מעהר מיין שוועל ניט אַריבערטרעטען, איהר הערט לומפּען !“ האָט ער געשריען, און זי האָט עפּעס געפיהלט אַז אַזוי דאַרף ער שרייען. אַזוי איז ער מחויב צו שרייען. אַזוי איז דאָס נאַטירליך...

אויף דער שוועגערין גראַדע, האָט איהר דאַן פערדראָסען. מען קען ניט זאָגען, אַז זי וואָלט דאַן מעהר צופרידען געווען מיט זלזולים, מיט שימפּפערייען פון איהר. דאָך אָבער איז די האַלטונג איהרע עפּעס געווען ווי אונפּאַסיג... זי האָט דאָס געפיהלט... און נאָך אַצינד פיהלט זי צו דער שוועגערין ביי זיך טיעף אין האַרצען אַ מין מאָדנעם געפיהל. זי האַלט זיך נייטראַל, הייסט דאָס, צו דער גאַנצער געשיכטע. אָבער מיט דער האַלטונג, שפּיעגעלט זי זיך עפּעס אָפּ ביי איהר אַזוי מאָדנע אָבשטויסענד, אַזוי פּריקרע, אַז כאַטש עס ווילט זיך איהר,

דאכט זיך, זי זאָל אזוי זיין, וואָלט זי איהר פון דעסטוועגען געוואָלט זעהן אנדערש...

זי גריבעלט זיך איין אין זיך אליין. זי וואָלט וועלען אויסגעפינען פון וואנען נעהמט זיך דאָס ביי איהר אָט דער געפיהל ? פיעלייכט איז דאָס דערפאר, ווייל זי פיהלט זיך ווירקליך פאר א פערברעכערין, פאר א שולדיגע ? די זאך איז אבער אזוי פערפּלאָנטערט, די געפיהלען אזוי פערטשעפּעט, א גאנצער פּלאָנ־טער פון געפיהלען, און זי קען צו קיין טאָלק ניט קומען...

— וואָס פאר א פערברעכען ? האָט זי איהם דען גליך, ניט צוריקגע־וויזען די ליעבע זיינע ? און דאָס איז געווען שוין דאן, ווען איהר הארץ, איהר גאנצע הארץ איז געווען פערנומען נור מיט איהם, ווען זי איז פשוט געווען משוגע פון ליעבע...

און דאך, אבער, געדענקט זי יענעם אבענד, ווען ער האָט איהר עפּעס אונבעוואוסטעס ארומגעפירדט נעבען פּארק גראדע דאן, ווען זי האָט געוואוסט, אז ער מוז דארטען דורכגעהן...

ווען זי האָט איהם דערזעהן, געדענקט זי, איז זי אוועק, כמעט אנטלאָפען פון איהם. און פאסירט האָט דאס פון דעסטוועגען אזוי, אז זיי זיינען דערנאך געגאנגען צוזאמען. א לאנגע, לאנגע צייט, האָבען זיי דערנאך שפּאצירט אין פּארק. זי האָט איהם דאן געמאכט פּאָרווירפע. מיט פייער, מיט היץ האָט זי גערעדט. די פּאָרווירפע — געדענקט זי, — האָבען אבער מעהר געציעלעוועט צו זיך זעלבסט ווי צו איהם... א שוועסטער, אן אייגענע שוועסטער, א שוועס־טער'ס א מאן !...

נאך יענעם מאָהל, געדענקט זי, האט זי איהם אויסגעמיטען. עס איז, זאָ־גאר, געווען ביי איהר אבגעמאכט, אז זי זאָל זיך ארויסקלייבען פון דעם ברו־דער, זי זאָל ניט זיין מיט זיי צוזאמען. דעם בעשלוס האָט זי ניט דורכגעפיהרט... זי האָט איהם ניט דורכגעפיהרט, ווייל... ווייל זי האָט עס ניט געפונען פאר נויטיג. זי איז געווען שטארק ביי זיך, אז זי וועט קענען ביישטעהן דעם נסיון...

זי דערמאָהנט זיך די סקאנדאלען וועלכע פלעגען צווישען זיי אויסברע־כען, ווי די שוועסטער פלעגט דורך די טעג, אָפּליגען אויפ'ן בעט און וויינען. די סקאנדאלען פלעגען שוין פאָרקומען אזוי אָפט און אזוי אָפען, אז עס איז שוין פאר קיינעם קיין סוד ניט געווען. זי פלעגט איהם דערפאר מוסר'ן, זאָגאר זידלען, דאך אבער, טיעף אין הארצען, געדענקט זי, פלעגט איהר עפּעס די זאך אזוי ווי הנאה טהאָן. עס האָט זי פערדראָסען און אין דער זעלבער צייט בעפרידיגט...

זי פלעגט כמעט אלע אבענדען אוועקגעהן פון הויז. זי האָט ניט גע־וואָלט זיין אין זייער געגענוואַרט. די שוועסטער האָט איהר שוין אָנגעהייבען חושד זיין... דאך אבער, געדענקט זי, ווי איין אבענד, ווען די שוועסטער איז א ברוגז'ע אוועק פון הויז, איז זי גראדע דענסטמאָל פערבליבען און האָט זיך גענומען נעהען א קלייד אויף דער מאשין... עס איז, דאכט זיך איהר, געווען גאר

אָהן שום כונה. זי האָט גאר ניט געדענקט וועגן דעם. און פּאסירט האָט עס דאָך אזוי...

ער האָט זיך דערנסטמאָל מיט איהר ווידער ארייננגעלאָזען אין א שמועס: אָפּגעהאקטע ווערטער, האלבע זאצען האָט ער מיט איהר דאן גערעדט. זי האָט איהם גאר ניט געענטפערט. די שווענערין איז געשטאנען ביי דער זייט... באלד איז זי אבער אוועק אינ׳ם צווייטען חדר... זי האָט, דאכט זיך, געוואָלט די שווענערין זאָל אוועקגעהן. און דאָך האט איהר בעת מעשה עפּעס אזוי פערדראָסען, אז זי האָט איהם פאר כעס אָפּגעשטויסען פון זיך. זי איז אויפגעשטאנען פון דער מאשין און איז ארויס אין גאס...

עס שווימט איהר ארויף יענער אבענד, דאן, ווען זיי זיינען געזעסען אין פּארק צוזאמען. ער איז געזעסען נעבען איהר און האָט זי געהאלטען פאר דער האנד. זי געדענקט, אז זי האָט איהם דאן געמאכט די שטארקסטע פאָרווירפע. זי האָט איהם מיט די נידעריגסטע ווערטער אָנגערופען. איהר האנד איז פון דעסטוועגען די גאנצע צייט געבליבען אין זיינער. זי האָט איהם אָפּגעשטויסען, דערווייטערט, און דאָך זיך געפיהלט צו איהם נאָהענט, אזוי נאָהענט...

די שוועסטער, געדענקט זי, איז דאן אָנגעקומען. זי איז פערבייגעגאנגען פערביי זיי און האָט זיך געמאכט ניט וויסענדיג. זי איז אוועק אהיים, האָט זיך ארייננגעלעגט אין בעט און האָט געקראָגען היסטעריקע... ער איז געלאָפען נאָך א דאָקטאָר... אויף מאָרגען האט אויסגעבראָכען א סקאנדאל, דער לעצטער שרעקליכסטער סקאנדאל, — און ער איז אוועק פון הויז...

פון דאן אָן, — זי ווייס ניט, זי קען זיך קיין רעכנונג ניט אבגעבען, עפּעס אלע אומשטענדען האָבען זיך ווי צוזאמענגערעדט. אלע האָבען מיטגעהאָלפען, יעדערער: דער ברודער, די שווענערין, זי אליין... און די גאנצע וועלט... מען האָט זיי ווי געטריבען, איינפאָך געטריבען דערצו...

דער ברודער האָט זי בעליידיגט, געשימפּפט, אָנגערופען מיט די שענדליכסטע נעמען. אלע האָבען זי גענומען אין זייערע מיילער... און זי האָט זיך געפונען עלענד, פערשטויסען, אָהן פריינד, אָהן בעקאנטע, אליין, איינע אליין. און זי האָט זיך בעשלאָסען ארויסצוציהען פון זיי...

און זי איז אוועק פון זיי. זי קען יעצט אליין ניט בעגרייפען, ווי אזוי זי האָט דאס דורכגעמאכט, פון וואנען דער מוטה, פון וואנען די ענערגיע האָט זיך דאן צו איהר גענומען. אָך וואס פאר א צרות! ווי שרעקליך זי האָט דאן געליטען!

דאָך אבער, געדענקט זי, האָט זי דאן, ניט אזוי פיעל געליטען פון זיך, ווי פון דער שוועסטער. די שוועסטער איז דאן געוועזן קראנק. צוזאמענגעבראָכען, דערשלאָגען. ווי האָט איהר דאן געריסען דאס הארץ אויף איהר!...

מיט איהם האָט זי זיך כמעט ווי ניט בעגעגענט. א פּאָר מאָל בלויז, דורך א צופאל. און גערעדט האָבען זיי, צווישען זיך, בלויז געצעהלטע ווערטער. ניט זי, ניט ער, האָבען געקענט רעדען דערפון...

אן אָפּענער געשפּרעך האָט ערשט צווישען זיי אויסגעבראָכען דאן, ווען

זי האָט דערהערט, אַז די שוועסטער איז אוועקגעגאַנגען אַרבייטען און איז פון דער אַרבייט קראַנק געוואָרען... זי האָט זיך דאַן מיט איהם געזעהן און צוזאַמען האָבען זיי איהר אוועקגעשיקט עטליכע דאָלער...

די שוועסטער האָט זיי די עטליכע דאָלער מיט פעראַכטונג צוריקגעשיקט.

זי קען נאָך אַצינד ניט פערגעסען, אין וואָס פאַר אַ ערביטערטען צו־שטאַנד זיי האָבען זיך דאַן ביידע געפונען. זי האָט געוויינט, געקלאָגט; ער האָט איהר אויסגעערדט, געטרייסט. און פון דאַן אָן האָבען זיי זיך אָפּט, גאַנץ אָפּט געזעהן. און אָפּט, גאַנץ אָפּט פערבראַכט צוזאַמען...

און ווייטער — זי ווייס ניט, אַזוי האָט דאָס פּאַסירט, אַזוי האָט דאָס, ווייזט אויס, געמוזט פּאַסירען... זי האָט זיך געפונען עלענד, אַליין, הילפלאָז, אָהן אַ האַרץ, אָהן לעבען...

זי האָט איהם געשלעפּט צו זיך און אָפּגעשטויסען... זי האָט זיך גע־וואָרפען צו איהם און צוריקגעצויגען... ביז... ביז...

דער ברודער האָט צוליעב זיין געשעפט זיך אַרויסגעצויגען פון שטאָדט. די שוועסטער איז מיט איהם מיטגעפאָהרען. און דאַן... דאַן... האָבען זיי גע־נומען אַ וואָהנונג צוזאַמען...

זיי וואָהנען צוזאַמען. און ער ליעבט זי. יאָ, ער ליעבט זי, און דאָך...

זי דערמאָנט זיך, די סצענע פאַר איהר אוועקפאָהרען:

זי האָט איהם געזאָגט, אַז זי וויל פאָהרען. שוין צוויי וואָכען אין דעם, אַז זי האָט איהם וועגען דעם געזאָגט. ער האָט דאַן געשוויגען. ער האָט אַראָפּ־געבויגען דעם קאָפּ, און האָט קיין וואָרט ניט איבערגעביטען. די גאַנצע צייט האָט זי איינגעקויפט, גענעהט און צוגעגרייט אויף מיט צונעהמען. ער האָט זיך געמאַכט אַזוי ווי ער בעמערקט עס ניט, ווי ער זעהט גאָר ניט...

ווען ער האָט זי בעגלייט צום באַהן, האָט זי געזעהן, אַז ער וויל איהר עפּעס זאָגען, אַז ער האָט איהר וואָס צו זאָגען. ער האָט איהר אָבער ניט גע־זאָגט...

אונטער דער גאַנצער צייט, וואָס זיי זיינען צוזאַמען, מיידעט ער אויס צו רעדען וועגען דעם. און זי, זי מיידעט אויך אויס. זי פיהלט אַז עס קומט איהר אויס צו רעדען דערפון, ווערט איהר שווער, אַזוי שווער אויפ'ן האַרצען...

איהר ווייזט זיך אויס, אַז ער, ער אַליין דענקט יעצט אויך אַז זי האָט ניט ריכטיג, ניט עהרליך געהאַנדעלט... אַז זי איז בעגאַנגען עטוואָס אַזעלכעס, וואָס זי האָט ניט בעדאַרפט בעגעהן... ער רעדט מיט איהר פריינדליך, ער רעס־פּעקטירט איהר, ער ליעבט איהר. אונטער דער ליעבע אָבער — דאַכט זיך איהר, — ליעגט פערבאָרגען, עפּעס אַ מין געפיהל פון פעראַכטונג, אַ געפיהל פון פאַרוואורף...

לעצטען זומער, איז דער ברודער געווען ביי זיי אין שטאָדט. זי איז דערפון געוואָהר געוואָרען דורך אַ בעקאַנטען. זי האָט זיך גלייך אָנגעטהאָן, און איז געגאַנגען איהם זעהן. ער האָט געוואוסט דערפון. — שאַדע, וואָס זי האָט אַליין זיך דאַן ניט געקענט אָנקוקען, ווי אַזוי זי האָט אויסגעזעהן. זי ווייסט אָבער, אַז זי האָט דאַן געמוזט אויסזעהן שרעקליך...

ווען זי איז צוגעגאנגען צום ברודער און האט איהם אויסגעשטרעקט די האנד, האט זי געפיהלט גלייך ווי זי וואלט אין דער האנד געהאלטען א פער־בלוטיגטען קערפער. עס האט איהר געשווידערט, אלע אברים האבען אין איהר געציטערט...

דער ברודער האט דאן אויף איהר א נערוועזען פערעכטליכען בליק גע־טהאן. ער האט עפעס א בורטשע געטהאן, האט זיך אפגעקעהרט און איז ארויס.

זי געדענקט ניט, ווי אזוי זי איז דאן געבליבען שטעהן. זי געדענקט ניט, ווי אזוי זי איז דאן ארונטער די טרעפען. זי געדענקט נור, אז אין גאס האט זי זיך דערפיהלט ווי פערשפיגען פון קאפ ביז די פיס, ווי אפגעגאסען מיט שמוץ...

דערנאכדעם ווי זי איז געקומען אהיים, האט עס איהר אריינגעווארפען אין א פיבער. דערנאך האט זי בעקומען היסטעריקע. ער האט איהר דאן אויס־גערעדט, ער האט זי געטרייסט. זיין טרייסטען, זיין אויסרעדען אבער, זיינען געווען אהן היץ, אהן פייער. עס האט געמאכט דעם איינדרוק אזוי ווי אונטער די ווערטער וואלט געלעגען א פערבארגענע נקמה...

זי דערפיהלט, ווי עמיצער גיט איהר עפעס פלוצים א ציה ביים אר־בעל. זי קוקט זיך אום... דער קאנדוקטאר איז איהר מודיע, אז זי דארף אראפ־שטייגען...

זי נעהמט דעם קופערט, געהט ארונטער און זי דערפיהלט ווי הענד און פיס וואלטען איהר געווען אונטערגעהאקט. זי געהט, שטעלט זיך אפ, קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען. זי טראכט און קען זיך קיין עצה ניט געבען... זי פיהלט אז זי קען ניט געהן, עס לאזט זי ניט געהן...

— ווען זי זאל אריינקומען, און זאל כאטש דעם ברודער ניט טרע־פען. — קומט איהר אויף א געדאנק, — זיין מיענע, זיין נערוועזער קוק !...

זי גיט א בליק, און עס ווייזט זיך איהר אויס, אז דארט פון דער ווייי־טענס זעהט זי געהן דעם ברודער. פונקט ווי ער: א נידריגער, מיט אזא געקרויז־טען קאפ האר און מיט אזעלכע שנעלע, הארטע טריט ווי זיינע. עס גיט איהר א שפאר דאס בלוט און אונטער דער הויט, שפירט זי, ווי עס וואלט איהר נעה־מען שטעכען מיט נאדלען...

עס ווייזט זיך אבער ארויס, אז עס איז געווען א טעות. דער וואס איז געגאנגען פון ווייטען האט אפילו ניט קיין עהנליכקייט צום ברודער... און זי נעהמט זיך מאכען פארווירפע. עס ווייזט זיך איהר אצינד אויס, אז עס וואלט גאר געווען גלייכער ווען דער ברודער קומט אצינד אן... גאר ניט, אין גאס... זי וואלט צוגעגאנגען... און...

זי פערשטעהט אבער, אז דאס צוגעהן וואלט ניט געווען אזוי לייכט...

— זאל זי אפשר גאר אבשטעלען זיך אין א האטעל. אדער ביי א בע־קאנטען ? — בעקאנטע האט זי דא אזעלכע. — אבער צו וואס ? צו וועלכען צוועק וועט דאס פיהרען ?... — פרעגט זי זיך אליין.

זי נעהמט זיך אמיט הארץ און לאזט זיך געהן. זי דרעהט זיך אריין אין דער גאס וואס פיהרט צום ברודערס וואהנונג. זי געהט. אט שנעלער, אט

לאנגזאמער. זי קוקט מיט אַנגעשטרענגטע אויגען און אין האַרץ הערט זי א קלאַפּענעש ווי מיט האמערס...

זי קומט צו צום הויז, שטעלט זיך אָפּ א ווײַלע, בעדענקט זיך. נאכהער גערהט זי מיט אונזיכערע טריט אריין אין פאַרהויז...

פון פאַרהויז קומט זי צו צו דער טהיר. זי שטעלט זיך אָפּ, הערט זיך א ווײַלע אונטער. און מיט ציטערענדע הענד, שטיל, לאנגזאם, קלאַפּט זי אָן...

עס דערהערט זיך, א שוואכע פרויען שטימע: אריין!

— איהר שטימע! — גיט איהר א קלאַפּ אין הארצען — און זי בלייבט א פערציטערטע...

עס עפענט זיך גלייך די טהיר. זי קומט אריין אין א טונקעלער קיך. פון קיך, קומט זי מיט וואקלענדע טריט און מיט אנגעשטרענגטע אויגען צו צום עס־צימער.

— ה... ה... הוי! — דערהערט זי פּלוצים פאר זיך א ווילדען אָכץ...

זי בלייבט פערשטיינערט, טוידט, בלאס. פאר די אויגען נעהמט איהר פינסטערען, ארומטאנצען. זי הויבט אָן וואקלען, וואקלען. וואקעלט זיך צו צום וואנד — און בלייבט שטעהן אָנגעשפּארט מיט אויסגעשטרעקטע אַרעמס...

די שוועסטער, מיט א געלב איינגעפאלענעס געזיכט, איינגעגראָבענע צושראָקענע אויגען, דעם קאָפּ פערוואָרפען אויפ׳ן ווענטעל פון א שאקעל שטוהל — זיצט אקעגען איהר און פיבערט....

— לי... ליזע! — גיט זי האלב פערשטיקט א קרעכץ ארויס.

דער ברודער, נעהמט צומישט, מיט ציטערענדע הענד, נערוועז איבער־טאַפּען יעדער זאך אויפ׳ן טיש, זיך דרעהען און סאָפּען מיט די נאז־לעכער...

די שווענערין, א בלאסע ווי די וואנד, מיט׳ן קינד אוי די הענד, נעהמט פון מיטען עס־צימער, זיך ארומקוקען אין אלע זייטען...

— ל... ליזע! ל... ליזע!! — גיט זי נאך א מאָל ווי א שלוקערץ ארויס און פאלט ארויף, מיט אויסגעשטרעקטע אַרעמס, אויף דער שוועסטער...

די שוועסטער, גיט זיך, צומישט, א ראנגעל, דרעהט זיך אויס פון איהרע אַרעמס און א צושראָקענע פערשווינדעט זי אין צווייטען צימער...

דער ברודער נעהמט נערוועז ארומשפּרייזען, סאָפּעט און בייסט די פינגער.

די שווענערין, מיט׳ן קינד אויף די הענד, בלייבט מיט אָן אָפען מויל און מיט ווילדע אויגען, ווי פערשטיינערט.

מ... מיין... שוועסטער!... אונ...גליקליכע!!... — גיט זי א אָכץ ניט מיט איהר קול, פערברעכט די הענד און זינקט אינ׳ם שאקעל־שטוהל וואו די שוועסטער איז געזעסען...

און אין הויז. פון אלע זייטען, דערהערען זיך פערשטיקטע דערוואָרגענע קולות פון וויינען.

ראלניק

# פאלקס מאטיוו.

לייג איך מיר אין בעט אריין,
לעש מיר אויס דעם פייער;
ז'טראכט ווען קומען וועט צו מיר,
דער וואס איז מיר טייער.

באהנען קומען צוויי ביי טאג,
איינע קומט אין אווענד;
ס'פאַהרט אַ גלעקעלע גלין־גלאן...
אַט איז ער שוין נעהענט.

עמיץ זוכט די טיר און קלאַפּט,
רופט מיך ביי דעם נאמען,
ד'שפרינג האַלב נאַקעט אויף פון בעט —
דאַס איז „ער" געקומען.

שטונדען האַט די נאַכט גאַר פיעל,
איינס רער צווייטער טריעבער;
איינע איז אַ פרייע נור,
ווען עס קומט מיין ליעבער.

ש. ה. שניידער

# ווינטער.

שנעע און שטורעמדיגע ווינטען,
בייזע טרויעריגע געסט;
פול מיט אימה און מיט צארן
און אכזריות'דיגע פרעסט,
טויט איהר יעדען פונק אין הארצען
זיסען האָפנונג, באגעהר
פון דעם לעבען; און מחשבות
שווארצע, טרויעריג און שווער,
שפרייטען זיך אויף בערג און טאָהלען...
ווי די שאטענס פון דער נאַכט
קריכט דער טויט און וועבט זיין שלייער,
וועבט און לאַכט און וועבט און לאַכט...

מ. י. חיימאוויץ

# שניי וואָלקען

וואָלקענס גרויע ציהען זיך איבער'ן הימעל; א שווערע שניי־כמארע רוקט זיך פּאַמעלאַך אָן פון א ווינקעל און פערשפּרייט זיך איבער'ן האריזאָנט.

נאכאנאנד ווי אין אן אונענדליכער פּראָצעססיאָן ציהען זיך פּאַמעלאַך די גרוי און שווארץ געפלעקטע שניי־וואָלקענס און ווערען פערפאלען ווייט הינטער'ן האָריזאָנט.

אבער אנדערע וואָלקענס וואקסען פון דעם צווייטען האריזאָנט ארויס, און פלעכטען זיך ווידער אויף און פערוועבען מיט גרויקייט דעם הימעל.

עס שיט זיך, ווי דורך א זיפּ, א שיטערער און דינער שניי און פערציהט אליץ־דינ מיט א דינעם, ווייס געפינטעלטען שלייער און דעקט איבער די פעלדער און דעכער מיט א דיקער גרוי־ווייסער הויט.

און אָט גיט א בלאָז דער ווינד און הייבט אויף גאנצע שטיקער שניי־וואָלקען און צושפּרייט זיי אין דער לופט ווי גאנצע הויפענס געריבענעם צוקער, און צושיט זיי צוריק אויף איינציגע ברעקלאַך.

* * *

לעווין איז געשטאנען אין דער פערמאכטער פענסטער פונ'ם צימער און ער האָט דורך די א ביסעל פערצויגענע שויבען פארקלערט ארויסגעקוקט אין דעם פערשנייטען דרויסען.

די ווייס געמאָלטע ווינטער לאנדשאפט האָט זיך, ווי א לאנג אויסגעצויגענער מינארנער טאָן, ווייט פאר זיינע אויגען אויסגעשפּרייט, אויפגיסענדיג זיך מיט דעם דונקעל גרויען האריזאָנט אין איין טאָן און קאָליר.

בעשפּרינקעלט פון פראָסט און שניי זיינען טרויעריג און פערשלאָפען די נאקעטע ביימער געשטאנען און זייערע אויסגעדארטע צווייגען האָבען ארויסגעשטארטשט ווי היהנערשע פיסלאַך, אָהן דאס מינדעסטע זאפטיגקייט, אָהן דעם מינדעסטען צייכען פון לעבען.

ווי אין איין גרויסער קופּע זיינען די ניעדריגע הייזלעך פון שטעדטעל געלעגען אָן א זייט מיט זייערע שפּיציגע דעכער און זייערע קליינע פענסטערלאַך, האָבען אזוי רחמנות'דיג ארויסגעקוקט אין דעם סארען דרויסען, גלייך ווי זיי וואָלטען געפיהלט זייער איינגעקאָרטשעטקייט און ניעדריגקייט, אָדער גלייך ווי זיי וואָלטען אין גאנצען בעהערשט געוואָרען פון דער בלייענער איינטאָניגקייט.

אויף דעם גאנצען פערשנייטען שטח איז געלעגען אן אָפּדרוק פון מיעדע

פוילקייט און טוידטע פערשלעפערקייט, גלייך ווי יעדער געפיהל, יעדער פונק פון לעבען וואלט פערווייהעט געווארען מיט וואלקען און שניי. און עס האט זיך געדוכט אז די אויגען און די נשמה וואס קוקען אריין אין דער גרוי בע־שטויבטער ווייטקייט פארבען זיך אפּ, מיט דעם זעלביגען אש קאליר און ווערען פערשמאלצען אין דער טיעפער אונענדליכקייט.

קוקענדיג דורכ'ן פענסטער אין דעם פערשנייטען דרויסען, האט לעווין געפיהלט ווי דער ווינטער שפרייט זיך אויס אין זיין הארצען, און דעקט דארטען אלץ איבער מיט וואלקען און שניי. עס איז איהם געווען צו מוטה גלייך ווי ער וואלט געווען איינע פוןיענע בוימער, וואס שטעהען דארט איינזאם אין פעלד און איבער וועלכע עס ציהען זיך אייביג שניי־וואלקענס און שטורעם־ווינטען בלאזען אין די נאקעטע צווייגען אריין און צוטרייסלען און צושאק־לען זיי.

ער האט מיט א מעלאנכאלישע פערשלעפערטקייט געפיהלט ווי זיין לע־בען פערזינקט אלץ מעהר און מעהר אין טיפער גרויקייט. ער האט דייטליך געזעהן די ערשטע העלפט פון זיין לעבען ליגענדיג בעגראבען אונטער דער דיקער פע־רענע פון שניי, — און עס האט איהם זעהר וועה געטהון און פערדראסען פאר דעם גאנצען סארען און פערשנייטען לעבען.

* * *

פון דעם צווייטען צימער האט זיך דערהערט א טומעלדיגער שמועס און א לאכען פון יונגע העלזער. און דורך דעם טומעלדיגען שמועס האט זיך ווי א זילבער פאדים דורכגעוועבט שפרה'ס קלינגענדער קול.

ער האט זיך א ביסעל אפגעקעהרט פון פענסטער און ער האט זיך אויפ־מערקזאם צוגעהערט און דער געפיהל פון בענקשאפט און טרויער איז אין איהם געוואקסען נאך מעהר.

ער איז עס היינט געקומען פרעגען שפרה'ן צו וויל זי מיט איהם געהן וואהנען צוזאמען, ווארום ער האט בעמערקט אז אין דער לעצטער צייט איז זי עפּעס געווארען צו איהם אזוי ווי אפגעקיהלט, גלייכגילטיג, און איהר גאנצע אויפמערקזאמקייט שיינקט זי זיין יוגענד פריינד שווארץ, מיט וועלכען ער האט איהר בעקאנט געמאכט.

אפשר ליעבט זי איהם שוין מעהר ניט ?... ליעבט זי גאר שווארצען?... און דאס אלץ האט ער היינט געוואלט וויסען, — האט גאר דער טייפעל אנגע־טראגען די גאנצע קאמפאניע, וועלכער ער האט אין דער לעצטער צייט אזוי אנגעהייבען אויסוויכען.

און איהם איז איצטער ליעבערסט געווען צו זיין אין דעם צימער איינער אליין, איידער צו זיטצען דארטען צווישען זיי און פיהלען אויף זיך שווארץ'ס קוק, וועלכען ער האט גערן געוואלט אויסמיידען. און אט די אפגעזונדערטקייט האט איהם זעלבסט ביי זיך אין די אויגען פיעל העכער געשטעלט, אזו ער האט זיך איצטער געפיהלט העכער און שטארקער פון זיי.

— לעווין ! לעווין ! — וואס טהוסט דו דארטען ? ! — האט זיך גע־

לאזט הערען שווארצס' געזונטע מענער שטימע פונ'ם צווייטען צימער — קום אריין אהער !...

לעווין האט א ציטער געטהון אזוי ווי איינער וואס בעקומט מיט אמאל א גלעט פון א קאלטער גליטשיגער האנד איבער'ן ווארימען לייב.

— לעווין ! לעווין ! — האט נאך א מאל גערופען די זעלביגע שטימע.

ער איז ניט ווילענדיג אריין אין צווייטען צימער.

די סארע ליכטיגקייט פון דעם וואלקענדיגען טאג האט זיך צונויפגע־מישט מיט דעם דונקעל־גרינעם פארב פון די ווענד און עס האט זיך אויסגעביל־דעט א מאדנע האלב־ליכטיגקייט, וועלכע איז געווען דורכגעפלאכטען מיט בלויע געקרויזטע ש־רייפען טאבאק־רויך, וואס האט ביין ארייטרעטען אין צימער אויסגעזעהן ווי א טומאן ווען ער צורינט.

ארום טיש, אויף וועלכען עס זיינען געשטאנען אנגעגאסענע גלעזער טיי און פערשיעדענע געבעקס, זיינען געזעסען אייניגע יונגע לייט און מיידלאך און האבען הויך גערעדט.

— וואס האסט דו זיך עפעס אהין פערקליבען ? ! — האט איהם שווארץ בעגעגענט, — וואס האסט דו דארטען געטהון ? — געקוקט אויף די וואלקענס ?...

לעווין האט א קוק געטהון אויף שפרה'ן און זייערע אויגען האבען זיך בעגעגענט. און איהר קוק איז געוועזען א קאלטער, א גלייכגילטיגער.

— יע, יע געקוקט אויף די וואלקענס, — האט לעווין געמורמעלט אניע־דערזעצנדיג זיך אויפ'ן קאנאפע נעבען א יונגען מאן מיט לאנגע שווארצע האר.

— מיר האבען דא א גאנצע דעבאטע, — האט שווארץ אנגעהייבען, — ווילסט דו פיליכט אנטהייל נעמען ?...

לעווין האט ענטשיעדען א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ.

— ער איז היינט ניט אויפגעלייגט, — האט שפרה שמייכלענדיג גע־זאגט צו שווארצען און האט צו געווארפען לעווינען א גלייכגילטיגען קוק.

לעווין האט געפיהלט די גלייכגילטיגקייט פון קוק און ווי עפעס האט זיך ביי איהם אין הארצען א ריהר געטהון.

א שלעכטער טהיערישער געפיהל איז ביי איהם אין הארצען אויפגע־שפרונגען און עס האט זיך איהם א קלעהר געטהון : „בעהערשען איהר און דא־מאלס וועל איך זיין דער שטארקרעער"...

אבער ער האט זיך באלד אליין פארוואורף געמאכט פאר דעם נארישען געדאנק, גלייך ווי ער וואלט זיך געשעהמט פאר זיך זעלבסט. און אנשפארענדיג זיך אויפ'ן ווענטיל פון קאנאפע, האט ער פערטראכטערהייט, ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער, וואו עס האט זיך געזעהן ווי עס קרייצט זיך דער דינער ברע־קעלדיגער שניי אין א צוואווארפענעם זיג־זאג.

קוקענדיג אין פענסטער און הערענדיג דעם טומעלדיגען שמועס האט זיך איהם געקלעהרט, אז זיי זיינען פוסטע נארען מיט א פולע טענות און וויי־ניג געפיהלען. שטענדיג נור זיי האמפערען זיך, רייסען זיך ארום, שפיעלען זיך

מיט ווערטער און „גיסען פון ליידיגען אין ליידיגען“, און קיין טאָלק איז קיינמאָל ניטאָ... און צו וואָס נוצט דאס ?... און צו וואָס פיהרט דאס ?... „און אויב דער שניי וועט אזוי געהן די גאנצע נאכט, וועט ער אונז אלעמען פערשיטען“... — האָט זיך איהם אין מיטען דערינען א קלעהר געטהון. און ער האָט דערפיהלט דעם שווערען פערגליווערנדען איינדרוק פון דעם אייביגען פראָסט און ווינטער. און אָהן אן אויפהער האָבען זיך איהם אין געדאנק גענומען דרעהען די ווערטער :

וואָלקען און שניי, וואָלקען און שניי...

ער האָט זיך אפגעקעהרט פון פענסטער און האָט א קוק געטהון פון דער זייט אויף שפרה'ן.

זי איז געווען בעלעבט און צוהיצט פון דער דעבאטע. איהר ליכטיגער הויט־פארב איז א ביסעל דונקעלער געוואָרען פון דעם כמארנעם וועטער, אבער דאָך איז ער געוועזען גלאט און מאטעוו ווי א גוטער זעמס. איהרע גרויסע קאָרע אויגען האָבען אויסגעדריקט א געזונטען, לעבענסלוסטיגען בעגעהר און איהרע רויטע, פולע ליפען האָבען אין די ווינקלען לייכט געציטערט.

ער האָט געזעהען איהר רייכע און שלאנקע פיגור מיט די לייכט בעוועגענדיגע, פיין פאָרמירטע, בריסט, און ער האָט אזוי ווי פון דערווייטענס געשפירט דעם ריח פון איהרע האָר און ווארימען לייב און א ציטער איז דורכגעלאָפען דורך אלע זיינע גליעדער.

עפּעס איז ער אין דער מינוט אזוי ווי בערוישט געוואָרען. ער האָט נאָך קיין מאָל ניט געפיהלט צו איהר, ווען ער איז מיט איהר אפילו איינג ביינאנד געזעסען, דאס וואס ער האָט איצטער געפיהלט, זיצענדיג פון דער ווייטענס. דער, איהם גוט בעקאנטער, ריח פון איהרע האָר און ווארימען לייב, די לייכטע הנ'עוודיגע בעוועגונגען פון איהר בויגיגען קערפּער האָבען אין דער מינוט זיך געווירקט אויף די דינסטע נערווען פון זיין צוטרייסעלטען אָרגאניזמוס, און האָבען אין איהם ארויסגערופען פערשיעדענע דינע אָנריהרונגען, וועלכע האָבען זיין זינען בערוישט און דעם מארך איבערגעצויגען מיט א דיקען טומאן פון צוטומעלטקייט און אין זיין הארצען א ווילדען שטורעם אויפגעהייבען.

ער איז געזעסען און האָט אזוי ווי געציטערט פון אויפרעגונג ; און אלע האָבען איהם געגרייצט. בעזונדערס האָט איהם שווארץ אין דער מינוט גערייצט ביז צו העסליכער אויפרעגונג.

„און וואָס פלוידער'ן זיי ?... זאלען זיי געהן !“... האָט ער מיט גיפט אין הארצען געזאָגט און ער איז געוואָרען נערוועז און אונגעדולדיג.

דער קלאנג פון זייערע שטימען האָט עפּעס מאָדנע געקלונגען אין זיינע אויערען און עס האט אויף איהם געווירקט ווי דער קלאנג פון לעפיל אויף דעם אויער פון א פיבער קראנקען און די ווערטער האָבען געדראָטשעט זיין אויער אזוי ווי דאָס זשומען פון א שנעל געטריעבענער עלעקטרישע ראָד. זיינע אויגען האָבען פיבעריש געבלאָנדזשעט איבער'ן צימער, אָפּשטעלענדיג זיך אויף יעדערען א ווייילע און בעמערקענדיג דערביי דאס סאמע אונבעדייטענדסטע.

ביי שווארצען האָט ער בעמערקט אז דער אויבערשטער קנעפּיל פון

זיין ראָק האַלט זיך שלאָף אויף א פּאָדים און באַלד וועט ער זיך אויסרייסען.
און ביי דעם יונגען מאַן, נעבען וועלכען ער איז געזעסען, האָט ער בעמערקט א העסליכע פלייִשיגע באַראָדעווקע אויפ׳ן גראָבען פינגער און דאָס האָט איהם אין דער מינוט זעהר געררייצט, און א רייסענדיגער ווילדער פערלאַנג האָט זיך ביי איהם אויפגעהייבען. עס האָט זיך איהם פערגלוסט אויסצורייסען די באַ־ראָדעווקע. איהם האָט זיך געוואָלט אימיצען שטאַרק וועה טהון און א שווידער פון ווילדער ליידענשאַפט האָט איהם אָנגעכאַפּט.

— וואס טהוט איהר לעווין ?! — האָט דער יונגער מאַן אויסגעשריען, ווען לעווין האָט גענומען רייסען די באָראָדעווקע.

— אך, איהר זייט פון זינען אראָפּ!.... עס טהוט דאָך וועה!...

— גאַרנישט, גאַרנישט, — האָט לעווין צוטומעלט געזאָגט און ער האָט זיך אויפגעהייבען און איז אריין אין צווייטען צימער און האָט זיך ווי פריהער געשטעלט אין פענסטער.

און פלאָך און גרוי האָט זיך ווייטער פערנאַנדערגעוויקעלט די ווייסע פעלד, און דער שניי האָט געזיפּט און געזיפּט. און ווי אין אן אונענדליכען, טוידטען־פּראָצעססיאָן האָבען זיך די וואָלקענס געצויגען.

עס איז איהם עפּעס אזוי שווער געוועזען אויפ׳ן האַרצען גלייך ווי א שווערע משא וואָלט זיין ברוסט געפּרעסט. און זיין גאַנצען יונגען לעבען האָט ער געזעהען פערשווינדענדיג אין דער פּראָסטיגער מרה שחורה און גרויער איינ־טאָניגקייט. און אין זיין האַרצען איז געבאָרען געוואָרען א געפיהל פון א וואַנדערער וועלכער וואַגעלט זיך אַרום אין די קאַלטע צפון׳דיגע געגנדען איבער די אייביג פערשנייטע פעלדער, מיט א בליק שטענדיג געריכטעט צום האָריזאָנט, וואס פרעגט מיט אַנגסט און פערצווייפלונג: „ווען וועט זיך שוין ענדיגען די אייביג־פער־שנייטע לאַנדשאַפט ?...“ אבער אונענדליך זיינען די שניי־פעלדער און גרויע שווערע וואָלקענס הייגען איבער׳ן הימעל פון אייביג אויף אייביג און אין די זעלביגע, פון דיר איבערגעלאָזענע טריט אויפ׳ן שניי טרעט אונבעמערקט דע־שווארצער שאָטען, דער שווארצער גייסט פון אייביגען ווינטער און אייביגער פערניכטונג...

..וואָלקענס, שניי און פערניכטונג...
א ציטער פון שרעק איז דורכגעלאָפען לעווינ׳ס לייב...

* * *

ווען אלע זיינען זיך צוגאַנגען איז לעווין פערבליעבען אליין מיט שפרה׳ן.

עס האָט נאָך איהם דער קאָפּ וועה געטהון און אויף די באַקען איז גע־לעגען א פיבער־רויטקייט.

ער האָט זיך געזעצט אויפ׳ן קאַנאַפּע נעבען שפרה׳ן און ארומנעהמענדיג איהר צערטליך ביי דער טאַליע האָט ער מיט ווייכקייט אין טאָן געפרעגט:

— שפרה, זאָג מיר פיהלסט דו נאָך צו מיר דאס זעלביגע וואס א מאָל?...

שפרה האָט איהם אָנגעקוקט אזוי ווי פערוואונדערט און האָט א ציה געטהון מיט די אקסלען.

— וואָס איז דאָס דיר עפּעס ארויף אויפ'ן זינען ?...

— מיר דוכט זיך אז דו ביסט גלייכגילטיג געוואָרען צו מיר.

— און אז יע, איז וואָס ? — האָט זי אזוי ווי ווערלענדיג איהם רייצען געפרעגט.

לעווין האָט איהר א קוק געטהון גלייך אין די אויגען און אנשטאָט וואָס צו זאָגען, האָט ער גענומען עפּעס אויספּייפען.

— איך וויים ניט, — האָט זי אָנגעהייבען, — עפּעס ביזט דו אין דער לעצטער צייט זעהר מאָדנע...

לעווין האָט ביטער געשמייכעלט.

— און עפּעס קוקסט דו אויף מיר מיט אזעלכע מאָדנע אויגען, — האָט זי ווייטער גערעדט, — אז צייטען־ווייז געהט מיר איבער ווי א גרויל איבער'ן לייב.

זיי ניט קיין קינד, — האָט ער אָנגעהייבען, — איך קוק ניט אויף דיר מיט אזעלכע אויגען וואָס דארפען גרוילען. — איך האב דיר נור ליעב... — און דאָס ארויסזאָגענדיג האָט ער אָנגעבויגען איהר קאָפּ און האָט איהר א קוש געטהון אין די האָר.

ער האָט געפיהלט דעם דינעם ריח פון איהרע האָר און א עלעקטרישער־שטראָם איז איבערגעלאָפען איבער זיין גאנצען קערפּער. ער איז געוואָרען בע־רוישט און אין הארצען האָט ביי איהם נאָכאנאנד העפטיג ווי מיט א האמער גענומען קלאַפּען.

און מיט א שטורעמדיגער ליידענשאפט האָט ער איהר קאָפּ צו זיין ברוסט געדריקט און געקוסט איהר אין די האָר, אין מויל, אין די אויגען. עס האָט זיך איהם אין דער מינוט געפיהלט ווי איינצופּרעסען זיינע ליפּען אין איהר קלאָרען ווארימען לייב און עס בייסען, זויגען ביז בלוט זאָל ארויסרינען.

און מיט א פיבערהאפטער שנעלקייט האָט ער מיט ציטערענדיגע פינגער פאַרנאנדער געשפּילעט די אויבערשטע קנעפּלאך פון איהר קאָפטע, און ער האָט מיט אונבעזינטער ווילדקייט איינגעגראָבען זיינע ליפּען אין איהר קלאָרער ברוסט און האָט מיט קראפט גענומען פרעסען איהר לייב.

זי האָט לייכט אויפגעשריען.

— וואָס טהוסט דו ?... לאָז מיך אָפּ !...

ער האָט איהר אָפּגעלאָזען, און זיין קוק איז געפאלען אויף איהר ווייסען האלז און הארץ וואו ער האָט זיינע ליפּען מיט פייער געדריקט.

א העל־רויט לענגליכער פלעק האָט זיך געמאָלט אויפ'ן ווייסען לייב, אזוי ווי אן אָפּגעריסענער רויטער מאָרגען וואָלקענדיל אויפ'ן קלאָרען אטלעסע־נעם הימעל.

— מיין גאָט, לעווין, דו ביזט ווילד ! — האָט איהם שפרה פארוואורף געמאכט. — דו זעהסט, וואָס דו האָסט געטהון ?... האָט זי געזאָגט זיך איינ־קוקענדיג אין דער וואנד־שפּיעגעל.

— איך בין ניט ווילד, איך בין ניט ווילד, — האָט ער געזאָגט און זיין קול האָט געציטערט פון אויפרעגונג. — עס איז ווינטער, קאַלט, און עפּעס פיהלט מען זיך אַזוי עלענד און איינזאַם... און עס ווילט זיך ניט זיין אַזוי עלענד אַזוי פערזונקען אין שניי און קעלט...

דאָס זאָגענדיג, האָט ער מיט אַ מאָל דערפיהלט אַז ער רעדט צו סענטימענטאַל און אַז ער מוז איצטער אויסזעהן זעהר נאַריש. און עס האָט איהם פאַרדראָסען אויף זיין צוקראַכענקייט און אַ מעהר בייזער געפיהל, עהנליך צו נקמה, האָט זיך ביי איהם אין הארצען אויפגעהייבען.

און נאָך שטארקער האָט ער איהר ארומגענומען און זגעדריקט צו זיך מיט אַ ווילדער ליידענשאַפט, פיהלענדיג דערביי ווי אַ ליעבליכע ווארימקייט צו־גיסט זיך איבער זיין גאַנצען קערפּער.

— לעווין, לאָז מיך אָפּ! — האָט זי שווער אָטהעמענדיג געזאָגט. — דו בּיזט אויפגערעגט.

לעווין האָט ניט געהערט, ניט געזעהען און נאָך שטארקער האָבען איהר זיינע אַרימס געדריקט.

לאָז מיך אָפּ! — האָט זי שוין מיט כעס אויסגעשריען. — דו ביזט ווילד !....

אַ געדאַנק האָט אַ בליץ געטהון אין זיין קאָפּ און ער האָט זיך דערשראָקען.

ער האָט איהר אָפּגעלאָזען.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט. איהר שעהנער פּנים האָט געפלאַמט, איהרע אויגען האָבען פיבעריש געגלאַנצט און זיי האָבען אויסגעדריקט שטאָלץ און זעלבסט־ווירדע. איהרע רויטע ליפּען האבען אין די ווינקלען געציטערט און אַ האַלב בייזער האַלב שפּאָטישער שמייכעל האָט זיך אויף זיי געלייגט.

— דו ביזט אַ ווילדער !... אַ ווילדער ! — האָט זי מיט אַ פערעכטליכער מינע געזאָגט און איז גיך אריינגעלאָפען אין צווייטען צימער, פערשליסענדיג נאָך זיך די טהיר.

לעווין איז געבליעבען שטעהן אַ צומישטער, ניט קענענדיג אין דעם מאָמענט בעגרייפען וואָס דאָ איז געשעהן. אבער ער האָט זיך באַלד בעדענקט און ער האָט מיט אַ מאָל דערפיהלט די גאַנצע נאַקעטקייט פון זיין צואוועהטאָגטער קראַנקע נשמה.

ניט ווילענדיג איז זיין קוק געפאַלען אין שפּיעגעל און זיין אייגענעם געזיכט האָט ביי איהם אין די אויגען אויסגעקוקט אַזוי נאַריש, עפּעס אַזוי טעמפּ, אַז ער האָט זיך פערשעהמט אַ טרייסעל געטהון מיט׳ן גאַנצען לייב.

— און ווידער איז אַלץ פערשוואונדען אין די שווערע וואָלקענס און שניי, — האָט ער צו זיך געמורמעלט צוגעהענדיג צום פענסטער.

ער האָט צוגעלייגט זיין הייסען שטערן צום קאַלטען נאַסען שויב און ער האָט שטאַר ארויסגעקוקט אין דעם פערשנייטען דרויסען.

און עס איז איהם איצטער געוועזען צו מוטה גלייך ווי ער וואָלט מיט אַ מאָל פערבלאָנדזשעט אין אַ וויסטען מדבר, איבער וועלכען עס הייגגען שטענדיג

וואָלקענס פון שרעק, וואָלקענס פון אייביגען טרויער און בענקעניש. און ארומ־בלאָנדזשענדיג פרעגט ער זיך מיט טיעפער ביינקשאפט: —

....„וואוהין געה איך ?"...

....„און וואוהין געה איך ?"...

אין דרויסען האָט גענומען פינסטער ווערען. דער שניי האָט נאך אלץ פאמעלאך געזיפּט, און ניעדריג זיינען די גרויע וואָלקענס אראָפּגעהאנגען איבער דער פערשנייטער ערד און זיך מיט איהר צונויפגעגאָסען אין איין גרויען סאָ־ליר און טאָן. און די טיעפע ווייטקייט איז אזוי ווי פערפאלען געוואָרען הינטער'ן ניעדריג ליעגענדען האריזאָנט — און וואָלקענס שווערע, וואָלקענס גרויע האָ־בען זיך געצויגען...

## מאני לייב

# וואלקען

1.

שווערע וואָלקען, שוועבען שוועבען,
מרה שחורה'דיג און שוואַרץ,
שווערער, שוואַרצער איז דער וויטאָג
אין מיין שווייגענדיגען האַרץ!
שוואַרצע וואָלקען... גאַנצע ים'ען
בליץ און דונער טראָגען זיי —
בייזער דונער איז מיין שווייגען,
בליץ און פייער איז מיין וויי.

2.

און פון הימעל ציהט זיך, שפּרייט זיך
שוואַרץ און שווער אַ וואָלקען אוים —
כ'ווייס... דער וואָלקען וועט פערשווינדען,
נאכדעם וועט די זון ארוים...
אין מיין ליידענדע נשמה
טראָג איך זום א בייזען פיין,
כ'ווייס... דער פיין וועט גיך פערשווינדען...
נאך ד״כ, נאך דעם וואס וועט זיין ?

## יואל סלאנים

# שטורעם.

.1

עס שאַרשקעט און זשאַרזשעט
דעם וואַלד׳ס גרויע האַרץ,
פער׳רוגזה׳ט און שווארץ...
אין לופט הײנגט אַ פײכט װײסער רויך...
דיא לבנה פליהט אום —
ווי אַ פײגעלע שטום,
דערשראָקען פון טרוים,
פון בוים פליהט צו בוים —
בלאַס און אין אַנגסטען אין הויך...

אַ ריעזיגער וואָלקען
פון מזרח קומט אָן
מיט פעך־שוואַרצען פאָהן,
פערשפרייט זיך ארום אויפ׳ן הימעל:
מסוכן־בלייך בליקט
דיא לבנה געדריקט
פון דער חמאַרע ארויס
ווען ניט ווען... ווייט און גרויס
צינדט־אָן זיך אין פלאַם
דער שוואַרץ־חמאַרע־ים...
טראַך! טראַך!
מיט דונערנדען קראַך
דער שטורעם קומט אָן אין געטומעל...

דער שטורעם־קעניג פליהט,
מיט פייער־בייטשען בריהט
דיא וועלט ער מיט צאָרען;
דיא האַרץ ווערט פערפראָהרען,
דיא האַרץ פון דער וועלט,
פאר אימה, פאר קעלט,
און פיהלט זיך פערלאָרען...
ער רייסט פון דעם הימעל

דיא שטערען... וועה! וועה!
לעשט אוים דיא לבנה
און טאַנצט אין גערדרעה
אַ טייפעליש טאַנץ...
הו־הו... הי־הע...
ער טאַנצט אין גערדרעה —
דיא וועלט, אָה, זיא פיהלט זיך פערלאָרען...

2.

העי, העי, דו שטורעם,
דו בייז ווילדער שטורעם,
הער אויף אין די לאַדענס צו קלאַפּען!
ואס רייסטו? וואָס שמייסטו?
וואָס קלאַגסטו? וואָס יאָגסטו?
אַ זאג, וועמען ווילסטו דען כאַפּען?...

---

מיך? — — — גוט!
ברום ווילדער, דו שטורעם,
בריל און רעווע!
פּאַטש מיט די טויזענדער
שוואַרץ־גרויע פליגעל,
וועק אויף דעם צאָרן־גאָט
טיעף אין דיין האַרצען,
דעם העלישען, שוואַרצען...
זאַמעל אויף אלל דיינע
שדים־חילות —
איך קום!
איך ליעב צוצוברעכען מיט פלאַמיגען לוסט
דעם שטורעם מיט שטאַרקער, מיט אָפענער ברוסט —
איך געה!
דיין קריעגס־רוף, אַ שטורעם,
ער איז מיר ווילקאָמען!
עס יאָגט זיך דיא בלוט אין
מיין האַרצען... עס פלאַמען
אויף כחות פון גיהנום'שען
קאַמפּף און פון גבורה —
איך געה! איך קום!
רייס זיך און ברום,
בורע, אַ בורע,
שטאַרקער! שטאַרקער! שטאַרקער!...

**א. ראבאי**

# אין א העלען טאג

(א גאסען בילד.)

אויבען אין דעם לאנגען פאס העל־בלויען הימעל, וואס שפרייט זיך איבער דער לאנגער גאס, שטעקט די זון. און עס זעהט אויס, אזוי ווי צארטע מלאכים־פינגער וואלטען א שטיק זייד פערצויגען און נאכדעם האָט א פערבארגענע האנד א פינזעל אין א ים פון פייער־פארבען איינגעטונקט, און מיט א מאָל, ניט בעטראכטענדיג פון פריהער, וואס עס וועט ארויסקומען, אָנגעווארפען אין דעם בלויען זייד א שטיק פארב. רויט איז דאָס אין דער מיט און פליסענד־שטראָלענד צושפרייט זיך עס אין שארפע צירקלען. און עס גיט דעם ריינעם הימעל א מאט־רויטען אבשיין, פונקט, ווי די צארטע באקען פון א יונגער מיידעל ווען עמיצער גיט זיי דעם ערשטען קוש, און זיי צינדען זיך אָן מיט א רויטליכער ביינקשאפט נאך לעבען.

אונטען שטעהען ביידע צייֿלען שטיבער, איינע אין דאס אנדערע אריינגערוקט, ווי עס וואָלטען זיך א מחנה צושראָקענע מענשען פון ערגיץ וועלטען אָנגעלאפען און זיינען אזוי פערגליווערט געווארען, דערזעהענדיג אין דעם צובראָכענעם גרויען אספאלט, אין די צוואווארפענע שווארצע שטיינער, ביינער און שאָדבענס פון מענשען, וועלכע זיינען געפאלען אין א שטרייט פאר דאס לעבען..

ביי א שמאלע, הויכע און פערשמאלצענע הויז איז אנגעווארפען געגענאיבער דער טיר פערשיעדענע מעבעל און שטוב־זאכען — אָנגעוואָרפען ווי פון איינעם וואס ווארפט אוועק פון זיך אלעס, וואס קומט צו זיינע הענד אין צייט פון א משוגענעם, ברוטאלען אָנפאל.

א פיערקאנטיגער טיש מיט די פיס ארויף. א קאמאד ליעגט צולעגט און שפארט אָן דעם אין שניצעריי בעפוצטען שפיגעל אויף א ווייכער סאפע. קישענס וואלגערען זיך אין משונה׳דיגע פאָזעס : ביי איינער איז א לאָך פונקט אין דער מיט און פון דאָרט שטעקען ארויס ווייסענקע פעדערען, ווי עפעס א היה׳לע וואָלט ליגען מיט איין אויפגעטרענטען בויך און מיט ווייסינקע געדערימלעך ארויס. צוויי טעפ מיט פערוועלקטע בלומען ליגען ביי דער פיאנא, וואס שטעהט אן אנטבלויזטע. די ווייסע און שווארצע קלאווישען זיינען ענטפלעקט. און מיידעלאך, אבגעריסענע, מיט שמוציגע פנים׳לעך, צושויבערטע האָר און אָנגעצונדענע, פייכטע אויגלעך, שטופען און שטויסען זיך, איינע פאר דער אנדערער, צו דער פיאנע, און יעדע פרובירט און מיט א ציטערריג פינגערל טהוט זי א ריהר די קלאווישען. און עס זעהט אויס ווי די פיאנע וואָלט די ענטבלויזטע מויד פון סדום געוועזען : די קינדערלעך — בינען פון יענער פערשאָלטענער שטאדט ; און די טענער, וואס רייסען זיך ארויס פון די ציטערדיגע בעריהרונגען און צוטראגען זיך איבער דער

גאס, יענער צווייפעל געשריי: „הכצעקתה ?!"...

אויף די טרעפ זיצט א פרוי אין אנפאנג פון די מיטעלע יאהרען, מיט א פנים געל און טרוקען פון איין אלטער, אלעס איבערגעלעבטער. ביי איהר אין שויס ליגט א קינד וועלכעס שלאפט מיט א שווערען אטעם. און אין דאס פער־געלטע פנים'ל ציטערען פון צייט צו צייט משונה'דיגע צייכענס — אפשר פון שרעקליכע חלומות. די מוטער קוקט אויפ'ן קינד מיט א פערגליווערטען, הארטען בליק.

— „גלייכער וואלסטו ניט געקומען אויף דער וועלט", טראכט זי.

נידריגער מיט א טרעפ זיצט א מיידעלע מיט לאנגע, דארע פיסלעך און האלט איהר קאפ, וואס איז בעקרוינט מיט שווארצע קרייזען־פלעכטלאך, אראב־געבויגען צו די קניעלעך.

זי זעהט דאס ביי זיך צום ערשטען מאהל און קען ניט פערשטעהן צו וואס זאמלען זיך עס דא אן רעדלעך מיט מענשען.

זי שארט מיט די שיכלעך אין די טרעפ. עס טראכט זיך ווייטער.

— איז עמיצער געשטארבען ? ביי זיי קיינער ניט! אט זיצט די מאמא איבער איהר !...

און צו זיין זיכער מיט דעם, טוט זי א הויב דעם קאפ, מיט די אויגלעך ניט קוקענדיג צו קיין זאך, און שטיל פרעגט זי.

— מאמא ?...

די מוטער ענטפערט ניט, נור זי קוקט דאס קינד, וואס איז ביי איהר אין שויס, אין פנים'ל מיט א הארטען בליק און טראכט זיך:

— פאר וואס האט זי עס „איהם" ניט מיטגעגעבען?...

דאס מיידעלע טוט זיך האסטיג א האפ, ווי עס וואלט איהר א שווערער געדאנק אריינגעפאלען: „אפשר דער פאפא ?", און זי פרעגט:

— מאמא, וואו איז דער פאפא ?...

די מוטער זיצט ווי פריהער און פיהלט ווי א הייב טהון זיך פון די טרעפ און נעמען דאס קינד אין איין האנד און דאס מיידעלע אין דער צווייטער, און א שפיי טהון אויף די מענשען וואס קוקען אזוי נייגעריג, וואס זאמלען זיך אין רעדלאך און טומלען, פערלאזען די שמוציגע הויכע שטוב און די שטוב־זאכען און אוועק ערגיץ וואוהין די אויגען וועלען זי פיהרען... זי וועט „איהם" זוכען... וואס פאר א וואסערען האבען זיין קערפער פערגאסען ?... וואס איז ער אוועק ? — זי האט ניט דערטראכט, און אין איהר פנים האט זיך א קנייטשעל געצייגט. און אז דאס מיידעלע האט איבערגעפרעגט מיט א לייכטען צארן אין איהר קולכעל: „מאמא, וואו איז דער פאפא?!" האט די מוטער מיט א געמאכטע פעסטע שטימע געזאגט:

— פאפא איז געגאנגען זוכען א דירה... אין דער דירה טאר מען ניט וואהנען, פע!...

— וועט די פיאנא־לעהרערין קומען אין יענער דירה אויך? וויל דאס מיי־

דעלע זיין פערענטפערט מיט דער לעצטער פראגע אום זי זאל קאנען רוהיג ווארטען אויפ'ן פאפא.

— יא, מיין שאץ... וועט קומען...

און אבגעריסענער גאסען־איננגעל איז פערבייגעפלויגען דעם אנגעווארפענעם מעבעל און ווילד א פיהר געטהון מיט איין האנד איבער די קלאווישען פון דער ענטבלויזטער פיאנא. —

כי־כי־כי! כא־כא־כא! האט אבגעקלונגען איבער דער גאס.

---

## ב. סענטער.

# דער אלטער ר'חיים בער.

איהר פרעגט מיך, פון וואנען איך געה? פון וואנען זאל איך געהן? מן הסתם געה איך פון בית עולם.

זינט זי, מיין אלטע עליה השלום, איז מיר געשטארבען, געה איך אלע טאג צום בית עולם, אלע טאג. אויפ'ן בית עולם טאר איך ניט ארויפגיין, איך בין דאך א כהן. שטעה איך הינטער'ן פארקאן און קוק און קוק...

איהר וועט דאך לאכען. איהר הערט, עפעס ציהט מיך מאדנע צום בית עולם. איך וויים אליין ניט ווארום. קום איך נור אהיים, ווערט מיר עפעס אזוי אומעטיג, אז איך געפין זיך גאר קיין ארט ניט. געה איך אוועק צום בית עולם ווערט מיר היימליכער.

און אין תוך גענומען, פאר וואס זאל איך ניט געהן צום בית עולם? וואהין אנדערש צו געהן האב איך ברוך השם ניט. איך האב קיינעם ניט. געה איך צו איהר. איך וויים דאך, איהר איז אומעטיג, זי איז דארטען אויך אליין און זי בייננקט. אז איך בייננק, בייננקט זי מן הסתם אויך. געה איך טאקע אלע טאג.

קיין מצבה איז אויף איהר קבר ניטא. פון דעסטוועגען דערקען איך דעם ארט נאך פון דער ווייטען. איהר הערט, שטעהענדיג א מאל הינטער'ן פארקאן און קוקענדיג אויפ'ן קבר, האב איך פלוצלונג דערזעהן ווי ביים צוקאפענס האט אנגעהייבען וואקסען גראז. א מאדנע מחשבה איז מיר דאמאלס אריינגעפאלען: דער קבר וועט פערוואקסען, פערגעסען ווערען. און מיר האט זיך אזוי פער־

וואָלט אריבערקריכן דעם פּאַרקאַן, צוגיין צום קבר און ארומרייסן דאָס גראָז. עס האָט מיך געצויגן, ווי מיט געוואַלט געצויגן. איך האָב אבער צו זיך געזאָגט: „ניין, איך בין א כהן: און אז איך וועל ניט אָבהיטן קלה כחמורה, ווער זשע דען? און איך בין טאַקע ניט ארויף און האָב דאָס גראָז ניט ארומגע־ריסן און איצט איז דער גאַנצער קבר פערוואַקסן געוואָרען. מיינט איהר אפשר, אז איך דערקען ניט דעם אָרט? חס ושלום...

א מאָל, הערט איהר, — פאַר נאַכט איז עס געווען — בין איך מיר גע־שטאַנען און געקוקט אויף איהר קבר און אויף אַלע קברים ארום. האָב איך דער־זעהן, אז אַלע קברים ארום זיינען שוין פערנומען, און פאַר מיר וועט לעבען איהר קיין אָרט ניט זיין, און עס האָט מיר באמת באַנג געטהאָן. דעם גאַנצען לעבען אין איינעם געווען און נאָכ'ן טוידט זיין צוואָרפען. נור וואָס קען מען מאַכען? מן הסתם איז דאָך אזוי באַשערט. אָט ווען איך וואָלט רייך גע־ווען, וואָלט איך מיר שוין לעבען איהר אָן אָרט באַשטעלט און ארום אונזערע ביידענס קברים אָן אוהל געלאָזט בויען. געלאָזט האַקען א שיינע מצבה און נאָך פאַר מיין לעבען מיר א קדיש בעזאָרגט. בין איך דאָך אבער אָן אָרימאַן — וועל איך שוין אזוי מוזען שטאַרבען אָהן א קדיש, און מיר ביידע וועלען מוזען ליגען בעזונדער.

איהר לאַכט, הא? וואָס דאַרף מען זיך נאַרען? איך בין דאָך שוין ניט קיין יונגער, שוין קרוב זיעבעציג — כמעט א זקן. זי, זאָל א ליכטיגען גן עדן האָבען, איז אין גאַנצען עפּעס איבער זעכטציג געווען... און וואָס מיינט איהר, א מענש האָט זיך אַליין דאָס לעבען גענומען. וואָס איז? — קינדער געהאַט און דאַרף שטאַרבען אָהן א קדיש. — „פּרא אדם", פּלעג איך צו איהר טענה'ן, וואָס האָסטו צו דאַגה'נען? דו האָסט דאָך דיינס געטהאָן; איי וואָס, נאָט האָט חרטה געהאַט און זיי צוגענומען? איז וואָס ביזטו שולדיג? „נאָך נאַר יונגע פון דער וועלט אוועק" — פּלעגט איהר פערדריסען. — „פון קיין איי־נעם נאָך קיין נחת געהאַט, קיין איינעם נאָך צו דער חופה געפיהרט"... „וואָלט דען בעסער געווען", פּלעג איך צו איהר טענה'ן, „ווען זיי שטאַרבען עלטערע און וואַרפען אָן אויפ'ן שטעדטיל אלמנות און יתומים"?... „וואָלט כאָטש א דור פערבליבען", פּלעגט זי מיר זאָגען, „וואָלט געווען ווער ס'זאָל נאָכ'ן טוידט נאָך זיך א נאָמען געבען"...

א כשר'ע אידענע געווען, א פונק פון די אמהות. זי האָט אַלץ אויף שפּעטער געזאָרגט, זיך אַלץ אָנגעגרייט צו האָבען מיט וואָס אהין צוקומען. קיין איינענע קינדער געהאַט, האָט זי פאַר אָרימע יתומים געזאָרגט. געזעהן ס'זאָל זיי קיין טאָג ניט פעהלען, קיין וואַרימע בגדים'לאַך אויף ווינטער; געקליעבען אויף דער תלמוד תורה, בכדי אָרימע קינדער זאָלען זיך ניט ארומדרעהען פּוסט און פּאַס. יעדענ'ס צרה זיך צום הארצען גענומען, פאַר אַלעמען דעם לעבען גע־לייגט. און אַליין איז דאָס געווען א שאַרבען, א צובראָכענער מענש. נו איז דען א וואונדער וואָס זי איז אזוי פריה אין דר'ערד אוועק?...

שטארבענדיג שוין, האט זי זיך נאך אלץ ניט געקענט מוחל זיין, וואס זי לאזט מיך אהן א קדיש. און פאר יציאת הנפש רופט זי מיך צו, נעהמט אן מיין האנד, וויל מיר וואס זאגען און צואוויינט זיך... איך אויף איהר קוקענדיג, זיינען מיר אויך אנגעלאפען טרעהרען אין די אויגען. איהר הערט, דאס איז כמעט געווען דער ערשטער מאל אין מיין לעבען וואס איך האב געוויינט. ווען עס האט זיך דער אומגליק מיט די קינדער געטראפען, דאמאלס האב איך וויינען ניט געקענט. איך ווייס ניט ווארום, צי ווייל דער אומגליק איז צו גרויס געווען, צי דערפאר וואס איך בין א מענש א טרוקענער און בין קארג אויף טרעהרען...

איז א מינוט פאר איהר גסיסה, אז זי האט אנגעהייבען וויינען, פרעג איך איהר: „וואס וויינסטו“? „אז איך וועל שטארבען“, ענטפערט זי מיר, — „וועסטו נאך מיר קדיש זאגען, אבער אז דו וועסט שטארבען, ווער וועט“?... און צוכליפעט זיך ווי א קליין קינד.

האט איהר שוין א מאהל געזעהן א גוסס'ען וויינענדיג?... עס האט זיך מיר דאן געדוכט אז די גאנצע וועלט וויינט מיט איהר. „זיי מיר מוחל“, האט זי גוסס'נדיג מיט נאסע אויגען געבעטען. — איהר הערט? איך זאל איהר מוחל זיין? וואס איז, זי האט זיך דען געגען מיר מיט עפעס פערזינדיגט, וואס? דאכט זיך קיינמאל א ווארט אויף א ווארט ניט פערביטען. אדרבה... איך האב געשוויגען, וואס האב איך איהר דען געזאלט ענטפערען און באמת, איך האב ניט געקענט. דער צונג איז מיר ווי א שטיק בליי געווארען, און איך האב איהם ניט געקענט א קעהר טהאן...

„ זיי מיר מוחל“, האט זי זיך ביי מיר אלץ געבעטען און געקוקט אויף מיר מיט אזעלכע אויגען, אז גאט זאל שומר ומציל זיין... מיט אזוי פיעל רחמנות, אזוי פיעל געבעט און מחלה...

נאר דער צונג איז מיר ווי אפגענומען געווארען—און זי, די שוטה, זאל זי מיר מוחל זיין, האט געמיינט דאס איך ענטפער איהר ניט, ווייל איך וויל איהר ניט מוחל זיין און איז נעבאך געשטארבען מיט א שווער געמיטה...

אבער גאט אין הימעל איז מיין עדות אז איך האב אויף איהר קיינמאל קיין תרעומות ניט געהאט. א אשה צנועה געוועזען, א שטילע, וואס האב איך געקענט האבען צו איהר?

איין זאך נור פערדריסט מיך: אז איך האב איהר ניט געקענט ענטפערען מיט'ן מויל, טא פאר וואס בין איך איהר כאטש צו די פיס ניט געפאלען? אדער ביי וואלט איך מאכען אזוי א צייכען און איהר געבען צו פערשטעהן אז איך בין איהר מוחל!...

און אפילו איצט, וואלט איך קיין כהן געווען וואלט איך ארויף אויפ'ן קבר, אליין צי מיט א מנין מענשען, און וואלט איהר אלץ אויסזאגען, אלץ געבען צו פערשטעהן... נו בין איך דאך א כהן!...

י. ענטין

# ליטעראַרישע איבערזיכט

## י. אדלער׳ס פּאָעזיע*)

א קלין, שיין ביכעלע, פון פערצעהן ליעדער, לענגערע און קירצערע, געדרוקט אויף העל־קלאָרען פּאַפּיער און מיט פּאַסענדע צייכנונגען בעציערט. הלואי וואָלט יעדער אמעריקאנער יונגער אדער זאָגאר עלטערער אידישער דיכטער, אדער שריפשטעלער געהאט אזא מזל. פיעל פון דאס בעסטע וואָס איז אין אמעריקא געשאפען געוואָרען אויף דעם באָדען פון אידישע ליטעראַטור איז צוזייט און צושפּרייט איבער פערשיעדענע אָבגעשטאָרבענע און לעבעדיגע זשורנאלען און צייטונגען. אזוי פיעל יונגע ליטעראַרישע כחות ווערען פערזונקען און פערלאָרען אין דעם תהום פון אונזער ביזנעס אדער פּארטיי־פּרעסע, און לאָזען הינטער זיך קוים איבער א שפור, אזוי ווי פריש־קוועליגעס וואסער וואָס ווערט איינגעשלונגען פון א וויסטען, פערדאַרטען פליין. ווער קען עס די אלע קורץ־טעגיגע, אומזיסט צוהלומעטע שעפּפונגען אָבשאצען און אָנווייזען אין וועלכע פון זיי עס ברענט א העללער פלאם און אין וועלכע עס פינקעלט נור א געבאָרגטער שיין ? פון וועלכע עס שלאָגט א פרישער לעבענס־קוואל און אין וועלכע א עלענדע פראזע קריכט ווערימדיג ארום, אזוי ווי דאָס מוטנע וועסעריל אין א שטעהענדיגער קאליזשעלע ?

שוין שיינע עטליכע יאָהר אז מען בעגעגענט י. אדלער׳ס ליעדער אין אונזער פּרעסע. דאָך איז שווער געווען צו בעמערקען דעם זינגער׳ס טאלענט. ווען ניט ווען אן אייגענע הערצענס־מעלאָדיע, א בילד פון די יאָהרען און ערטער וועלכע קנעטען אוים דעם דיכטער׳ס נשמה, א געפיהל וואָס איז איננערליך און שטארק. מייסטענס אבער, ליעדער געזונגען אין כאָר פון פּראָפעססיאָנעלע אבלים, אדער אָבקלאנגען פון רעדנערישע אויסגעשרייען. דער ריינער פלאם האָט געשלומערט אונטער בערגלעך הייסליכען פלאטפאָרמע־אש. ערשט איצט, ווען דאס ביכעל „זכרונות“ איז ארויס, איז דער ריינער פלאם געקומען צום שיין.

* * *

דער גרונט־מאָטיוו פון י. אדלער׳ס ליעדער קלינגט העל און קלאָר אין „צו א זילבער־וואָלקען“, איינע פאר דער לעצטער ליעד אין דעם איצטיגען ביכעל. זי וואָלט געדארפט זיין אדער די ערשטע, אלס פּאסענדער פּראלאג, אדער גאָר די לעצטע אלס פּאסענדער עפּילאָג צום גאנצען ביכעל.

*) זכרונות פון י. אַדלער. שאוב בראָס. באָסטאָן.

„זילבער־וואָלקען !<br>
פּעריל־וואָלקען !...<br>
ווען דו וועסט נור<br>
איבערשווימען<br>
יענע הויכע<br>
בלויע פלעקען,

וועלכע דרעמלען
אין די נעבלען ;
אין די פעלדער
מיט די יונגע
קארען־זאַנגען ;
און די טייכלעך
מיט די דראַבנע
זילבער־וועללען :...
זאָלסטו קומען
אין מיין שטעדטעל,
אין דאָס שטילע,
אין דאָס שיינע,
וואו די ווייסע
קליינע הייזלעך
מיט די גרויע
שינדעל־דעכער
שטעהען אין די
גרינע גערטלעך...
דאָרטען, אין דעם
שטילען שטעדטעל,
אין אַ הייזעל,
האַלב צובראָכען,
מיט פערקלעבטע
קליינע שויבלעך,
מיט אַ ברונען
אין דעם גערטעל,
און א קאַשטאַן־
בוים ביים ברונען
און איין עפעל־
בוים ביים פענסטער —
אָט, אין דיעזען
זיצט מיין אַלטע
אַלטען הייזעל
טרייע מאַמע...“

---

דאָס גאנצע ביכעל איז א יאָמער־ליעד פון א מיעדער, צארטער זעעלע, וועלכע בענקט נאָך דערהיים, נאָך די קינדער־יאָהרען, נאָך דעם קליינעם גאלי־צישען שטעדטעל, נאָך די דאָרטיגע געטרייע בילדער און געשטאלטען, נאָך דעם ראיעלען, ווירקליך געלעבטען לעבען דאָרט, אלס ערלייכטערונג פון דעם פוסטען, נאָכגעקרימטען, מיט־געלעבטען לעבען דאָ. דער יאָמער קלינגט דורך אלע פערצעהן לייכטע וואריאציאָנען פון דעם גרונט־מאָטיוו, פול מיט אל־מענשליכע און עמיגראנטען־בענקשאפט, צוגעפארבט מיט דער ספעציעלער בענקשאפט פון דעם אינטעליגענטען אידען, וועלכער דערפיהלט אז טראגענדיג זיך אין דעם נעבעל פון קאסמאָפּאָליטיזמוס האט ער פון אונטער זיינע פיס פערלאָרען דעם באָדען פון היים און ערד און עלעמענטאר מענשליכע ענטציקונג און וועה.

און דער יאָמער אליין איז אויך געמישט און איבערגעבראָכען. ריינע קלאָהרע און פרישע בילדער אויסגעמישט מיט ווערטער און פראזען. אמאָל איז משה גובר, אמאָל עמלק ; אמאָל א ליכטיגער לאנדשאפט, א צארטער געפיהל ; אמאָל בלויזע ווידערהאָלטע קלאנגען, פובליציסטישע זאָגעכץ. אמאָל מאָהלט דער מוח'ל פון דעם צארט־פיהלענדען, גוט־בעאָבאכטענדען, אין דער ערד און היים איינגעווארצעלטען גאליצישען אינגעל און אמאָל פיהרט די קאלטע פעדער פון דעם פון דער ערד אבגעריסענעם יונגען נויאָרקער אידען, וועלכער בלאָנזשעט ארום אין דער אטמאָספערע פון לעקטשורס, רעדען און לייט־ארטיקלען.

* * *

י. אדלער האָט די אויג פון דעם מאהלער. ער בעמערקט דעם פורפור־רויטען שיין פון דער פארנאכטיגען הימעל, די שפיצען בוימער איינגעטונקט

אין דער פערגעהענד זונ׳ס מאטען נאָלד, דעם „זילבער־פרעסטעל“ פון א סליחות־
נאכט, דעם איינגעהויקערטען שאטען פון דעם שמש, וועלכער לויפט „שטום
און פערשלאָפען“ מיט׳ן סליחות־האממער איבער די געסלעך, די וויינענדע ווער־
בע־צווייגען אויפ׳ן בית־עלמין. י. אדלער האָ טא פערנעהמענדען מוזיקאלישען
אויער — ניט אומזיסט קלינגען זיינע ליעדער אזוי רעגעלמעסיג־ריטהמיש און
שיין — וועלכער שפירט דאָס מעריב־דאווענען פון דעם „טייכעל ביי די לאָזעס“
און דעם טשירקען פון דעם גריל און דאָס הוידען זיך פון דעם גרויען פענסטער־
לאדען אין א שטורעמדיגער ווינטער־נאכט. י. אדלער האָט א פונק פון צארט־
געהיימניספאָל־רעליגיעזע פאנטאזיע. ער פיהלט די געהיימניספאָלע קדושה,
וועלכע צוגיסט זיך איבער דער פרום־גאליצישער אידישער שטיבעל פרייטאג
צו נאכט פון די בענש־ליכט און פון די שיינענדע פנים׳ער פון טאטע־מאמע און
פון דעם אונבעמערקבארען פאָך פון די מלאכי השרת׳ס פליגלען. און גייט דער
שבת קודש אוועק אויף מאָרגען ביינאכט נאָכ׳ן שטערן ארויסגאנג און דאָס פרו־
מע היזעל, ווערט איינגעוויקעלט אין געהיימניספאָל וואכעדיגע שאטענס און אָנ־
געפילט מיט אן אונטערטהעניג־פאטאליסטישער שטילקייט, דאן פאנגט א טיע־
פע בענקשאפט און אומעט אָן צו דריקען דעם דיכטער־קינד׳ס הארץ, דאן פיהלט
דער אינגעל־דיכטער אין א ן אלול־פארטאג אין קלייזעל צו סליחות, דאן פיהלט
ער דעם „סוד וואס איז אויסגעשפינט איבער אלע הייזלעך“ און ווי „די שטילע
פרומע נאכט שושקעט זיך מיט גאָט“.

י. אדלער האָט אויך דעם צארטען געפיהל, די פיינע עמפפינדליכקייט
פון דער דיכטער־זעלע. ער פיהלט עדעל און טיעף און דערמאָנט זיך מיט טיע־
פען הערצענס־וועה אויף זאכען פון וועלכע מאנכער „ערנסטער מענש“
וואָלט זיך שעהמען צו טראכטען. און ער בעזיצט נאָך די קראפט צו בעאָבאכטען
זיינע אייגענע געפיהלען, זיי אבצודריקען אין זיין זכרון און אין יאָהרען ארום
זיי פון דאס ניי בעשאפען און אויסגיסען אין ווייכע, זאנפט־קלינגענדע פערזען.

ניט איין אידישער אינגעל האָט זיך געיאָגט נאָך א זומער־פויגעלע מיט׳ן
אָפענעם היטעל אין האנט און די פויגעלע ניט געכאפט. ניט איין אינגעל האט זיך
געהענדיג אין קלייזעל פערקוקט אויף די קאָרן־גארבען, אויסגעשטעלט אין שורות,
אויף די געפלאָכטענע האָפען־צווייגלעך און ניט איינעם האָט זיך פערגלוסט אנ־
שטאט צו גיין אין שוהל תהלים זאָגען, גאר אריינשפרינגען אין די קיהלע כוואליעס
פון טייכעל און פיהלען ווי ער בעפרייט זיך פון דער ערדישער שווערקייט. יא,
און ניט איין בלייכער אידישער אינגעל איז אין א זומער אבענד געשטאנען צווי־
שען די בוימער און מיט בענקשאפט און מיט וועהטאג פון קנאה אין הארצען גע־
הערט ווי דער „יונגער פאסטוך“ האלובעט דער געזונדער שטארקער „מאריושען“.
און מן הסתם געטראכט ביי זיך מיט א שטיל־אומעטיגען פראָטעסט פאר וואס
מעגען דאס די גוים און מיר אידען טאָרען עס ניט. יא, ניט איין אידישער אינ־
עגל האָט דאס אלץ דורכגעפיהלט. אָבער ניט אלע אידישע אינגלעך פיהלען די
אלע זאכען אזוי טיעף און שטארק, אז זיי זאָלען זיך טיעף אבשטעמפלען אין

זייער געדעכטנים און פערבלייבען דאָרטען אפשר אויפ'ן גאַנצען לעבען און ארויס־שפּארען זיך אין בילדער און קלאַנגען שוין אין די גרויסע, גרויסע ווינטער־ערנסטע יאָהרען.

ניט קרענקליך און פערכמארעט איז אדלער'ס טאלענט. ער ליעבט ניט דאָס, וואס איז גרילצעדיג־שיין ווי מאנכער מאָדערנער מענש. ער ה[illegible] „מורא פאר דאָס ליכט" און זוכט ניט די נאכט ווי פיעלע גרויסע גייסטער פון אונזער צייט. ניין, זיין נשמה לעכצט נאָך ברייטע העללע לאנדשאפטען, זי זוכט זונען־שיין און ליכטיגע קאָליערען. וואו א פאליע ליכטיגקייט פער'גנב'עט זיך, דערזעהט ער זי; וואו א שטראהל פערבלאָנדזשעט, בעמערקט איהם זיין אויג. ער דערזעהט איהם זאָגאר אויף דער פרומער שווארצער פאה פון א שלאָפעדיגען אידען:

„און אַ זונען־שטראַהל א העלער,
ווי א ליכטיג גאָלדען שלענגעל
קומט אַראָב פון הויכען הימעל,
דרינגט אריין אין אונזער שטיבעל,

פויזעט, קלעטערט צום געלעגער,
קריכט דעם טאַטען אויף דאס פּנים,
גלעט און קוסט דאס רעכטע אויער,
שפּיעלט זיך מיט זיין שוואַרצער פּאה..."

(א שבת ביי־טאג.)

און דאָך „קיינע בלומען אָהנע דערנער". דער איצטיגער ביכעל, ווי פריי ער איז פון טענדענץ און אגיטאטאָריש־פּראָזאאישע „קאמפּפ'ס־רופען", איז דאָך ניט פריי פון פּובליציסטישע פלעקען, וועלכע ליגען זיך אוועק, אזוי ווי דער ספרים־שטויב אין דער שוהלכעל פון דעם דיכטער'ס גאליציש שטעדטעל, אויף די העללע בילדער פון דעם דיכטער'ס מוח און פערגעלבען און צושמירען זיי. אין דעם גאנצען ביכעל איז כמעט ניטאָ קיין איין ליעד אין וועלכער דער פּאָע־טישער טאָן זאל אויסהאלטען אין גאנצען, אין וועלכער די בילדער זאלען בליי־בען אונבעפלעקט פון פּראָזאאישע ריידעריי און דער הייסער געפיהל זאָל ניט אבגעקיהלט ווערען פון לעבלאכע „ווערטער, ווערטער, ווערטער". אזעלכע פער־זען ווי:

„דער טאַטע האלט א ספר'ל
מיט פערגעלטע בלעטער...
ער זיפצט און זיפצט און מורמעלט אויס
„שרעקליך איז דער וועטער!"

ד'פערלאָז דאס ליעבע שטעדטעלע
פון די קינדער יאָהרען,
דאס קליינע שטילע שטיבעלע
וואו איך בין געבאָרען...

---

איך בליק אין אַלע ווינקעלער,
די טרויעריגע, די שטומע —

אַ הייסע בענקשאַפט צאַפּעלט אויף
און רייסט אויף די נשמה..."

אזעלכע פערזען, כאטש זיי זיינען גאנץ ווייך און אנגענעהם צו לעזען, זיינען אָבער ניט קיין פּאָעזי, נור נישט־קשה'דיגע פראזא. עס רעדט זיך אין זיי פון זא־כען צו אלגעמיין, עס ווערען ניט געבראכט קיין שילדערנדע איינצעלהייטען, עס פעהלען בילדער, עס קלינגט ניט קיין אָריגינעלער, שטארקער, ניט־אויסגע־דראָשענער וואָרט. אלץ איז אויכגעדריקט אין א שפּראך וועלכע איז שוין פיעלע מאָל געברויכט געוואָרען פון אנדערע, אין ווערטער וואס יעדער אינטעליגענטער נויאָרקער איד, וועלכער אטהעמט די בעוועגונגס־לופט און שלינגט „סקיצען"

און „פעליטאָנען" קען גאנץ גוט אויסלערנען אויף אויסוועניג און שיטען זיי הויפענס־ווייז.

און דיעזע פערזען זיינען נאָך ניט פון די שוואכסטע.

צוזאמען מיט דער שוואכקייט פון ווערטער און אָפטיגער אבוועזענהייט פון בילדער גייט אויך אן אנדער פובליציסטישע חלאת: די צושפרייטקייט פון איינצעלהייטען און די צוגאָסענקייט פון שפראך. אדלער האָט אָפט ליעב צו רע־כענען און רעכענען און דערמאָנען זאכען וועלכע זיינען אויף קיין פאל ניט כא־ראקטעריסטיש און ממילא ניט וויכטיג און ניט אינטערעסאנט. די אלע הכנות וועלכע דעם דיכטער'ס פאטער מאכט איידער ער לייגט זיך שלאָפען שבת נאָך ווארמעס, זיינען גאר ניט וויכטיג צו וויסען. דאס וואס דער טאטע „טהוט אויס דעם ווייסען כאלאטעל, הענגט איהם אויף אין שאפע, גלעט זיך דעם באָרד, ציהט פון איהם ארויס א האָר, געהט צו צום ספרים־אלמער, נעהמט ארויס אן „עין־יעקב", לעגט דיא האָר אריין צווישען די בלעטער, שטעלט צוריק אוועק דעם ספר, געהט פאמעלעך צו צום בעטעל, שלעפט פון דאָרט ארויס א קיסען, לעגט דעם קיסען אוועק אויף דער סאפע, ציהט זיך אויס" און דאן ערשט ווערט ער אנשלאָפען — דאָס אלץ איז גאָר ניט כאראקטעריסטיש און איז גאָר ניט נויטהיג צום ענין און צייגט ניט ארויס קיין שום בעזונדערעס ניט אין דעם טאטען, ני[?] מענשליכען ווערטה און איז גאנץ איבעריג, ניט נור אין פאָעזי, אפילו אין פראָזא.

דאס איז א ביישפיעל פון צושפרייטקייט פון איינצעלהייטען און וויזט אז דעם דיכטער פעהלט דער קריטישער אנאליז, וועלכער וואָלט איהם געהאָלפען אָפצושיידען בין קודש לחול, צווישען דיכטען און רעכענען. די צוגאָסענקייט פון שפראך איז אבער דער רעזולטאט פון א פובליציסטישער ערציהונג, פון א סך אָנגעלייענטקייט מיט האלבע־ליטעראטור, פון מליצה'דיגקייט, פון באָדען זיך אין אן אטמעספערע וואו מען „רעדט, רעדט און רעדט".

„די דרשה וואס ווייטער, זי פליסט זיך און גיסט זיך
ווערט העלער און ריינער, פערנאַנדער אין שטיבעל,
און זאַנפטער מיט יעדווידען קלאַנג; אזוי ווי אַ צויבער־געזאַנג".

דאס אלץ קען אויסגעדריקט ווערען א סך קירצער און ממילא א סך שארפער.

דעם דיכטער'ס אָנגעלייענטקייט האָט איהם אויך א רעה געטהאָן אין אנ־דער הינזיכט. ער איז ניט אלע מאָל אריגינעל. עס פיהלט זיך אין זיינע פערזען דער איינפלוס פון אנדערע אידישע דיכטער. און וויבאלד א דיכטער, און דערצו נאָך איינער מיט א שוואכען קריטישען אנאליז, לאָזט זיך בעאיינפלוסען פון אנ־דערע, איז איהם שווער אויסצוקלייבען, אז ער זאָל בעאיינפלוסט ווערען דוקא פון גוטע דיכטער. אָט צום ביישפיעל, וועהרענד דער פאָר־לעצטער סטראָף פון „אין הדר", דערמאָנט שטארק אן פרוג'ס „פיעדעל", דערמאָנט דער אָנפאנג פון דער זעלבער ליעד אן פיעל שוואכערע פאָעזי, אן די פאָלקס־ליעדלאך פון גאָלדפאדען'ס צייטען.

א דאנק זיין רייכער אַנגעלייענטקייט האט אדלער זעהר א שיינע, ריינע שפראך. אָבער א חוץ וואס זי איז ריין און שיין איז זי אויך גלאַט, אַזוי גלאַט אַז עס איז שווין צופיעל. א צו גלאַטע שפראך האָט א נייגונג צו ווערען צו אַלגע־מיין, צו געוויינליך, צו ווערען בלייך און פארבלאָזט. א דיכטער דארף ניט מורא האָבען צו געברויכען מאנכע לאָקאלע, היימישע ווערטער. דאס גיט זיינע פערזען צו נייקייט, פרישקייט און בעשטימטהייט און שמיעדט אי דעם דיכטער אי דעם לעזער צו צו א בעשטימטען שטיקעלע ערד און רייסט זיי אוועק פון דעם קאסמאָ־פאָליטישען „איבעראל און ערגעץ ניט". אנשטאט צו רעדען צום קאלטען, פער־גליווערטען פערשטאנד, ריידען דאן דעם דיכטער'ס פערזען צו א צאפעלדיגער אויג און צו א ווארימען הארצען. א דיכטער דארף זיך אויך ניט שעהמען צו גע־ברויכען שפיציגע, זאַגאר אונגעהובעלטע ווערטער. זיי גיבען זיינע פערזען קראפט און גבורה.

איין זאך איז נור א וואונדער: ווי באלד אונזער דיכטער איז אזוי אָנגע־לייענט אין אידישע ליטעראטור, טאָ פאר וואָס איז ער אזוי ווייניג איד? אויב ער האָט ניט קיין שטארקען געבאָרענעם אידישען געפיהל, האָט דאך דער גע־פיהל געדארפט זיך איינפרעסען אין איהם פון די ווערקע וועלכע ער האָט געלע־זען אדלער האט אין זיך א רעליגיעזען פונק, אבער א שוואכען. ער שפירט יא די קדושה פון שבת, אָבער דיעזער געפיהל איז ביי איהם א סך שוואכער איידער דער געפיהל פיר דער נאטור, אדער פיר די קינדער־פערגניגענס. די „בלייכע תהלים־זאָגער", וועלכע פערזאמלען זיך שבת נאכמיטאג אין קלייזעל און „כא־פען אונטער יעדען פסוק" נאך דעם פיהר־זאָגער, דעם מלמד, מאכען אויף אונ־זער דיכטער גאר קיין רושם ניט. אלס קאָנטראסט דערצו זאָל זיך דער לעזער דער־מאָנען אן דער שטארקער, גייסטרייכער שבת־נאכמיטאגדיגער סצענע אין דער שוהלכעל אין וועלכער י. ל. פרץ פיהרט אריין דעם לעזער אין זיין „שלום בית". אויך די סודות פון י. אדלער'ס כליחות־נאכט, קלינגען זעהר דומפף אין פערגלייך מיט די סודות וועלכע שלום יעקב אבראמאָוויטש שפירט געהענדיג צו סליחות. (אבראמאָוויטש'עס אויטאָביאָגראפיע אין סאָקאָלאָוו'ס „ספר זכרון").

* * *

ביי אלעם דעם בלייבט אבער י. אדלער א טאלאנטפאָלער דיכטער, מיט א מאהלערשער אויג, מיט א ליעבע צו לעבען אין לוסט און זונען־שיין און ברייטע לאנדשאפטען און ליכטיגע פארבען, מיט א צארט־פיהלענדער, בענקענדער הארץ, מיט א סך ליעבע עראינערונגען און מיט א ווייך מוזיקאלישער, מעטרישער שפראך. אלעס וואס מען דארף דעם יונגען דיכטער צו־ווינקען איז, ער זאָל זיין טריי צו זיך אליין, זיין אינערליך און עהרליך, ניט זינגען פון זאכען און געפיהלען און געדאנקען, וועלכע זיינען אמת אין דער לופטען, אבער ניט טיעף אין הארצען און אין געדעכטניס, ניט לאָזען זיך פערפיהרען פון אנדערע, נור גרונטעווען זיך טיעף אין די איינענע איבערלעבעניסען און אויסדריקען זיי אין א צוזאמענגע־פאסטער אייגען־געשמיעדטער שפראך.

# שעקספּיער׳ס ווערק אין זשארגאן

דיא בוכהאנדלונג פון

## ש. דרוקערמאן, 50 קאנעל סט., נויארק.

מאכט היערמיט בעקאנט, צום פערגעניגען פאן ליטעראטען און ליבהאבער דער קונסט ליטעראטור, דאס עס איז ערשיענען דורך איהר אויסגאבע, אפראכטפאלער בוך, דיא פעריל פון אלע ליטעראטורען, דיא גרעסטע קונסט ווערק וואס דער גרעסטער שריפטשטעלער פון אלע צייטען אין אלע טהיילען וועלט האט געשאפען, נעמליך:

## „שעקספּיער׳ס אויסגעוועהלטע ווערק“

בעארבייטעט אין אידיש, פון בעוואוסטען אידישען שריפטשטעללער — ד. מ. הערמאלין.

דאס בוך „שעקספיערס אויסגעוועהלטע ווערק“ ענטהאלט פאלגענדע, דיא בעסטע פון שעקספּיער׳ס שאפונג:

1) ראמעא און יוליא.
2) קעניג ליער.
3) דער קויפמאן פון ווענעדיג (שיילאק).
4) אטהעללא.
5) דער חלום פון א מיטען זומער נאכט.
6) דער שטורם.
7) א ווינטערדיגע געשיכטע.
8) פיעל רעש איבער נארנים.
9) וויא ס׳ געפעלט דיר.
10) דיא צוויי העררען פון ווערא‌נא.
11) סימבעלין.
12) מאקבעטה.
13) האמלעט.
14) דיא צעהמונג פון דער ארורה.
15) דיא קאמעדיע פון טעות׳ן.
16) דיא צוועלפטע נאכט, אדער וואס דוא ווילסט.
17) טימאן פון אטהען.
18) דיא פערנוואלטיגונג פון לוקרעציא׳ן.

אויסער דעם האט דער בעארבייטער געגעבען זעהר ניטצליכע פאררעדען צו פיעלע פון דיא איבערגעטראגענע ווערק, פיעלע זעהר ניטצליכע בעמערקונגען, נאטיצען פון דיא קריטיק און — א פאלשטענדיגע ביאגראפיע פון דעם זשעניאלען שריפטשטעללער און אונפערגלייכטען פאעט וויליאם שעקספּיער.

דאס בוך „שעקספיערס אויסגעוועהלטע ווערק“ גיט דיא מעגליכקייט יעדען לעזער צוא קעננען לערנען דעם וועלט בעריהמטען זשעניע, צו שטודירען און פארשטעהן שעקספּיער׳ן, וועלכען די גרעסטע לייטע פון אלע טהיילען דער וועלט לערנען און שטודירען.

ביז דיא ערשיינונג פון אונזער פראכט אויסגאבע „שעקספיער׳ס אויסגעוועהלטע ווערק“, וועלכע מיר לייגען יעצט פאר מיט שטאלץ און פערגעניגען פאר דער ליטעראַרישער וועלט, איז שעקספּיער געווען א ווערק נאר פאר דיא גרויסגעבילדעטע לייטע, שפראכקענער און פילאזאפען; מיר, דורך אונזער אויסגאבע, וועלכע איז קינסטליך בעארבייטעט אין א בריליאנט אידיש שפראך, האבען אראב גענומען פון שעקספּיער׳ן דעם מאנאפאל פון הויכע געלעהרזאמקייט אום איהם צו פארשטעהן. ווער עס קען נאר „אידיש“ לעזען, וועט יעצט בעקאנטשאפט שליסען מיט דעם שוין איינינע הונדערט יאהר פערגעטערטען זשעניע און פאעט — שעקספּיער.

„שעקספיער׳ס אויסגעוועהלטע ווערק“ וועלען פערגרינגערען דיא שווערע ארבייט פון לעהרענדע יונגע לייט און סטודענטען, וועלכע מוזען שטודירען שעקספּיער׳ן אין אריגינאל — אין ענגליש. דורך לעזענדיג בעפאר דאס בוך, אונזער אויסגאבע, אין ריינעם, דייטליכען און ליטעראַרישען אידיש, וועט זעהר לייכט זיין נאכהער צו שטודירען דעם אריגינאל.

האכגעבילדעטע און דיפלאמירטע מענשען, וועלכע האבען דורך געזעהן דאס בוך אין מאנוסקריפט, האבען אפען געזאגט אז דאס בוך „שעקספּיער׳ס אויסגעוועהלטע ווערק“ איז דיא לעצטע נייעס און דאס בעסטע און גרעסטע וואס דיא אידיש זשארגאנישע ליטעראטור האט ווען עס איז געשאפען.

מיר האבען אלעס מעגליכעס אנגעווענדעט אונזער פראכט אויסגאבע „שעקספיערס אויסגעוועהלטע ווערק“ פאלשטענדיג צו מאכען. מיר האבען אריינגעגעבען פיעלע בילדער, אילוסטריישאנס, שעקספיערס פאטאגראפישעס בילד און א אינהאלט פערצייכנונג אין אידיש און ענגליש.

## פּרייז פיר בוך: (געבונדען 10 1 בראָשירט 1.00 דאלאר) פּארטא פריי.

**S. DRUCKERMAN, 50 Canal Street NEW YORK.**

— קאטאלאָגען פון אונזער בוכהאנהלונג ווערען געשיקט פרייא. —

# THE JUGEND

Published by
The Jugend
Publishing Assn.
26 Jefferson Street,
NEW YORK CITY

Duane Press Printing Co.
24-26 Vandewater Street




## אינהאַלט פערצייכעניס


צוויי מלאכים — י. אַדלער
בערטהאַ — ז. לעווין
ליעדער — מאַני לייב
די ערוואַכונג — ד. איגנאַטאָוו
וואוהין (געדיכט) — ע. ל. פּלוישמאַן
דאס פייעריל — מ. גערשוי
לייזער מארין — ידידיה מרגלית
די נייע ריכטונג — מ. י. חיימאָוויטש
קריטיק — י. מ.


3

דריטער זאַמעלביכעל

**פּרייז** פּער קאָפּיע אין ניו יאָרק, 5 סענט.
אויסער ניו יאָרק, 6ס. אויסלאַנד 7ס.
יעהרליך: 50 ס. אויסלאַנד, 75 ס.

דריטער זאַמעלביכעל


ארויסגעגעבען פון פערלאג „די יוגענד“
26 דזשעפערסאָן סטריט ניו יאָרק

# פערלאג „קעמפפער“

אין פערלאג „קעמפפער“ קריעגט איהר אלע אויסגאבען פון פערלאג:

די וועלט, ארבייטער פריינד, פראלעטארישע וועלט, קדימה, צוקונפט אוואנגארד, צייט, ביבליאטהעק, אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק, היברו פובלישינג קאמפאניע, א. ז. וו.

מיר נעהמען אויך אן סובסקרייבער אויף פאלגענדע זשורנאלען:

השלח, התחיה, העולם, די וועלט און ראסאוועט.

---




פון ח. נ. ביאליק

עבען ערשיענען דיזע מייסטערהאפטע פאעמא

איבערזעצט פון

י. י. שווארץ

ארויסגעגעבען פון פערלאג „קעמפפער“

פרייז, 7 סענט

**Verlag Kaempfer, 12 Jefferson St., N. Y.**

---

מאנוסקריפטען פיר „דער יוגענד“ מוזען צוגעשיקט ווערען אויפ'ן אדרעס פון „דער יוגענד“. פיר אן אנטווארט מוז צוגעשיקט ווערען סטעמפס.

אגענטען צו פערשפרייטען „ד י י ו ג ע נ ד“ פערלאנגט איבעראל

---

# „דער ארבייטער“

איז דער אפיציעלער ארגאן פון דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי (ס. ל. פ.) און פאר די אינדאסטריעל ווארקערס אוו דהי ווארלד

צו בעקומען אויף אלע סטענדס יעדען שבת פריה

סובסקריפשאן־פרייז: א יאהר, 50 סענט; א האלב יאהר, 25 סענט

איינצעלנע קאפיע, 1 סענט

**"DER ARBEITER", 28 City Hall Place, N. Y.**

---

# ליפשיטץ פרעסס

די גרעסטע און בעסטע דרוק־ און זעץ־מאשינען



דיא גרעסטע

## אידישע יוניאן בוך דרוקעריא

אין אמעריקא

## 51־49 לאפאיעט סטריט

דיזער זשורנאל איז געמאכט ביי אונז

JACOB H. SCHIFF FUND

# דיא יוגענד

י. אַדלער

## צוויי מלאכים

ס׳האָט אַ מאָל אַ גוטער מלאך
מיט זיין צאַרטען ווייסען פליגעל
מיך אין קליינעם קינדער־וויגעל
טריי בעשיצט, און מיך פערשלעפערט
אין אַ זיסען ליעבען שלאָף —

ווען איך האָב ערוואַכט פון דרימעל,
האָט דער בורא פון דעם הימעל
פון זיין גרויסען, העלען אוצר
אָנגעשאָטען זונען־שטראַהלען
מיר אין וויגעל — אָהן אַ סוף.

* * *

ס׳וועט אַ מאָל אַ צווייטער מלאך
אויף זיין קאַלטען שוואַרצען פליגעל
קומען מיט אַ טויטען־זיגעל
מיר פער׳חתמנ׳ען דאָס לעבען
מיט זיין שוידערליכער מאַכט — —

ס׳וויגעל בליהט נאָך אין זכרון,
פלעכט דער דמיון שוין דעם ארון...
אַן אלמנה... און יתומים...
און אַ קאַלטער שוואַרצער קבר,
שוואַרצער פון אַן אָסיען־נאַכט...

ז. לעווין

# בערטהא

THE NEW YORK
PUBLIC LIBRARY
439520
ASTOR, LENOX AND
TILDEN FOUNDATIONS.
1908

---

טהייערע פריינדין ליזע!

מיר איז נאָך גוט, וואָס איך קען זיך א מאָל אויסריידען דאָס האַרץ פאר דיר. פערשטעהסט, מיר איז גוט און מיר איז ניט גוט. גוט איז מיר, ווייל וואָס פעהלט מיר? מיר פעהלט גאָר נישט. עסען און די איבעריגע זאכען געוויס ניט. מיין מיידעלע איז אַ בריליאנט, און צו מיין היימי'ן האָב איך אויך גאָר נישט. ער איז אַ גוטער מאַן, א טהייערער מאַן. מיר פעהלט גאָר נישט, און דאָך פעהלט מיר זעהר פיעל. און דאָס, וואָס מיר פעהלט, זוך איך, און וויפיעל איך געפין, נעהם איך. פערשטעהסטו, ביי אונז איז שוין צוויי יאָהר נאָך דער חתונה, מיין היימי האָט מיר גאַנץ ליעב, אלצדינג אין דער וועלט וואָלט ער געטאָן פאר מיר מיט'ן קינד. אָבער איך געפין שוין איצט ניט אין איהם יענעם היימי'ן, וואָס האָט זיך אין מיר פערליעבט. אז ער דערזעהט מיר איצט, בלייבט ער דערזעלביגער, וואָס געוועזן; איך זעה, אז זיין האַרץ נעהמט ניט ציטערען אין איהם; זיין האַרץ איז ניט אָנגעפילט מיט די הייסע געפיהלען, וואָס דאַן אין יענע צייטען. דאַן, ווען איך בין געוועזן לעבען איהם, איז ביי איהם קיין איין נערוו ניט געוועזן רוהיג, ער האָט געשלונגען מיט די אויגען מיין יעדע מינע, מיין יעדע בעוועגונג, מיין יעדען וואָרט. אין יענע צייטען בין איך געוועזן גליקליכער פון איהם, זעהענדיג לעבען זיך איינעם, וואָס איז אזוי איבערפילט מיט ליעבע, מיט צערטליכקייט. וואָס זאָל איך טהאָן, איך בין שוין אַזאַ, אַלץ אין דער וועלט וואָלט איך אוועקגעגעבען, איך זאָל קענען שטענדיג זיין לעבען פערליעבטע יונגע מענשען, קוקען אויף זיי, מיטפיהלען און מיטלעבען מיט זיי.

געדענקסט, ווען מיר פלעגען ביידע ארומגעהן אין פּאַרק, פלעג איך דיר אַלץ רייסען, זאָלסט געהן מיט מיר אין די פערוואָרפענע ווינקעלעך, וואו עס פערקלייבען זיך שטענדיג פערליעבטע פּאָרלעך. נור לעבען יענע פּאָרלעך האָט זיך מיר געוואָלט זיין, אריינקוקען זיי טיף אין זייערע אויגען; און ווען א פּאַרעל פלעגט מיר שטאַרק געפעלען זיין, אָדער אַז איך האָב דערקענט, אז איינער פון דער פּאָרעל האָט געוויינט, אָדער אז מיר פלעגט זיך דאָס נור אָבדוכטען, פלעג איך זיי שוין ניט אָבלאָזען, נאָכגעהן נאָך זיי אַ שטיק וועג, און מיר פלעגט זיין זעהר שווער זיך אָפּצורייסען פון זיי. ליזינקע, איך האָב זיךאיצט דערמאָנט די געשיכטע מיט'ן איטאַליענער! געדענקסט נאָך?

איך בין געווען די גליקליכסטע, ווען איך האָב זיך פעראייניגט מיט היימין: איצט וועל איך דאָך שטענדיג, אַלע טאָג, האָבען לעבען זיך אַ פער־

ליעבטען, מיט אַ ציטערענדע האַרץ, מיט אויגען, וואָס בעטען, שעפּטשען, וויינען און פרעהען זיך. און דערפאר איז מיר דאָס איצט ניט גוט. מיין הײמי איז אַ פּראָסטער מענש. איך זעה ניט אין איהם, וואָס איך האָב געהאָפּט און געוועזען זיכער, אז איך וועל אלע מאָל האָבען לעבען זיך.

מיין טהייערע ליזינקע, דו וועסט מיר אפשר ניט גלויבען; אָבער איך שווער דיר, אז איך שרייב דיר דעם אמת. איך קלער אלץ, אז מיר וואָלט זיין גוט, ווען מיין הײמי זאָל זיך אין אימיצען פערליעבען. איך קען דיר שווערען, איך וואָלט איהם נאָכגעשפּירט, וואו ער קומט זיך צוזאמען מיט זיין געליעבטע, און איך וואָלט זיך ערגעץ בעהאַלטען און צוגעקוקט, ווי מיין הײמי איז פערליעבט, ווי זיין האַרץ איז הייס אין איהם, ווי ער ריהרט אָן צאַרט איהרע פינגער, ווי ער ציטערט. איצט וואָלט ער דאָך נאָך מעהר געציטערט, נאָך מעהר צושראָקען און צוטומעלט געוועזען, ווי דאמאָלס מיט מיר; איצט האָט ער דאָך מיך, וואָלט דאָך זיין ליבע געוועזען אויסגעמישט מיט אַ סך, אַ סך מעהר פערצווייפלונג, זאָרג און קומער. און ווען ער וואָלט נאָכדעם געקומען אהיים, וואָלט איך זיך געזעצט לעבען איהם. ער וואָלט דאָך געווים געטראַכט פון זיין געליעבטע און געבענקט נאָך איהר — אַ פערליעבטער, וואָס בייִנקט, גאַרט, געהט אויס. איך פערמאַך איצט די אויגען אויף אַ פּאָר מינוטען און איך שטעל זיך פּאָר, ווי איך זעה, ווי הײמי זעהט אויס. איך זאָג דיר, איך שווער דיר, איך וואָלט איהם אַ וואָרט ניט געזאָגט, אַ האַלבען וואָרט ניט. וואָס האָב איך איצט? גלייך נאָך סאַפּער נעהמט ער אַ ווײלע ענעלען אויפ'ן האַנד, דערנאָך נעהמט ער גלייך ארויס פון קעשענע אַ פּענסעל מיט אַ ביכעל און רעכענט זיינע חשבונות פון אַ גאַנצען טאָג; דערנאָך לייגט ער זיך שלאָפען מיט'ן פּנים צום וואַנט. מיינסט, איך זאָג איהם דאָס ניט? איך זאָג איהם, לאַכט ער זיך אויס פון מיר, און רופט מיר משוגענע. ער וויל גאָר ניט ריידען, ער וויל גאָר ניט דערמאָנען, ער וויל גאָר ניט הערען, וואָס איז אַ מאָל מיט אונז געוועזען, ווען מיר האָבען זיך פערליעבט.

איך לויף איצט נאָכאַנאַנד צו בעלער. פאר וואָס, מיינסטו? קיין טענצערקע בין איך דאָך ניט. דאָס איז, ווייל דאָרטען זעה איך אַ סך יונגע. איך געה ארום אין די זייטיגע ווינקעלעך, וואו עס זיצען די פּאָרלעך, אָדער ארומגענומען, אָדער האַלטען זיך אזוי פאר די הענד. אויף יעדען באָל זוך איך אויס מיין פּאָרעל. איך רוף זיי אָן „מיינע“. דאָס איז דאָס פּאָרעל, וואָס מיר דוכט זיך, אז זיי זיינען די פערליעבטעסטע פון אלע איבעריגע; וואָס האַלטען זיך פעסטער ארומגענומען ביים טאַנצען, וואָס זיצען פעסטער איינער צום אַנדערען. איך האָב אויך ליעב אַ פּאָרעל, וואָס איינער פון זיי איז אומעדיג, און אזביידע זיינען אומעדיג, איז גאָר גוט. און „מיין“ פּאָרעל האָט שוין אַ ביסעל אַ פערשטערטע שמחה: וואו זיי זאָלען זיך ניט בעהאַלטען, בין איך דאָ לעבען זיי; און אז איך קען ניט זיין לעבען זיי, היט איך זיי פון אַ ווייטען, פון אַ בעהאַלטענעם אָרט, זיי זאָלען מיר ניט קענען זעהן. טהייערע ליזינקע, איך בין נאָך דיזעלביגע, וואָס אַ מאָל, פון בעסער ווערען איז אָבגערעדט; מיר דוכט, אז איך ווער נאָך ערגער.

איצט וועל איך דיר אויסזאָגען נאָך אַ זאַך. אויף א פּאָר בעלער נאָכאַנאַנד האָב איך בעמערקט, אז א יונגערמאַן קוקט אויף מיר ניט גלייכגילטיג. ער איז נאָך גאָר א יונגינקער, א ווייסער, מיט העלע, געגרייזעלטע האָר, מיט ווייסע ברעמען און ווייסע אויגען. געדענקסט, מיר פלעגען אלע מאָל אָפּלאכען פון אזעלכע יונגע לייטלעך, מיר פלעגען זיי רופען „מילכיגער צימעס". ווייסטו, ווי ער זעהט אויס, אַקוראַט ווי דער באַרבער, וואָס איז געווען אויפ'ן סטופּ, ווען דו האָסט געוואָינט אין ריווינגטאָן סטריט. איך בין קיינמאָל ניט געווען צוקאָכט פאר אזעלכע יונגע לייט, נאָר פון דעסטוועגען ציהט מיר צו איהם. איך האָב דערקאָנט אָן איהם, אז ער זוכט מיין בעקאַנטשאַפט, און איך האָב שוין געפונען א וועג, ווי אזוי ער זאָל זיך בעקענען מיט מיר. איך האָב דאָס אזוי געמאַכט, אז ער ווייס ניט, אז איך האָב אליין אויסגעזוכט די געלעגענהייט, ער זאָל זיך בעקענען מיט מיר; ער מיינט, אז איהם האָט זיך דאָס איינגעגעבען, און איך ווייס גאָר פון קיין זאַך ניט. ער איז פערליעבט אין מיר, און דאָס איז זיין ערשטע ליעבע. ער דאַרף מיר ניט זאָגען, איך דערקען שוין אליין. אז ער שטעט לעבען מיר, זעה איך, וואָס אין איהם טהוט זיך, איך פערשטעה זיך גאַנץ גוט. ער איז צוטומעלט, צושראָקען, האָט מורא צו בעגעגענען מיינע אויגען; ער וויל עפּעס זאָגען, ארויסריידען, זאָגט און דערשרעקט זיך. און איך וואָלט איהם געוואָלט האָבען לעבען זיך שטענדיג, אלע מאָל, און איך וואָלט געקוקט אויף איהם. איך ווייס וואָס'ערע ווערטלעך אריינצואווארפען, איהם זאָל פערדריסען, וואָס איהם טהוט וועה, פון וואָס איהם ווערט בעסער. איך קוק איהם דורך, אזוי ווי ער וואָלט זיין געמאַכט פון גלאָז. איך האָב אָבער מורא, אז איך וועל דאָס אין גאַנצען מוזען סטאַפּען. איך האָב איהם א פּאָר מאָל געזעהען זיך אַרומדרעהען אויפ'ן בלאָק, וואו איך וואָהן. איך ווייס גאָר ניט, ווי אזוי ער האָט זיך דערוואוסט, וואו דאָס איז. איך האָב מורא, אז אין גיכען וועט ער זיך מיר ערקלערען, עפּענען פאר מיר זיין הארץ. עס איז דאָך פון דעסטוועגען א רחמנות.

נו, ווי געפעהלט איך דיר עפּעס? א גוטע משוגענע, האַ?

איך מוז שוין סטאַפּען, מיין קליינע ליפּערקע האָט זיך אויפגעכאַפּט און זי רופט מיר.

דיין פריינדין

בערטהא.

מאַני לייב

# ליעדער

אַ שטערענדיל פאַלט ווי אַ דימענט,
און זינקט אין דעם ווייכען זעפיר;
ווי נאַריש... איך מיין אַז דאָס קאפעט
אַ טרערעלע פעריל ביי דיר.

און וויינסטו, און טרערעלעך פערלען
זיי קאפענען טראָפען ביי טראָפ —
ווי נאַריש... איך מיין, אַז דאָס פאַלען
די שטערענדלעך אַלע אַראָפ.

* * *

ליעגט נאָך דער גארטען באַצויגען
מיט אייזיגע שנעען דזרכאוים —
שמייכעלט פון אונטער דעם אייז־דעק
אַ לאַסטשענדיג בלימעל אַרויס.

וויינען אין מיר נאָך די ליידען
נאָך ליעבעס אַנטרונענעס גליק —
שמייכעלט אַרויס פון די טרערען
דיין קאַלטער, נאָר לאַסטשענדער בליק.

* * *

קום ליעבען זיך, ליעבען זיך האַרציג,
כל זמן פאַר אונז שמייכעלט די צייט
מיט ליכטגע פריהלינגס־חלומות,
כל זמן אונזער אָסיען איז ווייט!

כל זמן נאָך עס שלאָגען די הערצער
מיט פייער, מיט ברויזענדער לוסט —
כל זמן נאָך דער גיהנום'שער צווייפעל
צורייסט ניט אויף שטיקלעך די ברוסט.

ד. איגנאַטאָוו

# די ערוואַכונג

(ערצעהלונג פון דער באָבע מלכה׳ס ערינערונגען.)

„שעהן איז מיין יאנקעל געווען! שעהן, אז ממש גאָט און לייט האָבען מיר אויף איהם מקנא געווען!

„די שוויגער, זאָל איך זיין צ לענגערע יאָהר (געוועו א חכמה א אידענע) פלעגט דערצעהלען, דאָס ווען זי איז געגאַנגען אין מקוה מיט איהם, האָט זיך געראדע געטראָפען, אז די „לאַנדעס״, וואָס האָבען דאן געהאַקט וואלד ניט ווייט פון ברוסילאָוו, האָבען אַראָבגעבראַכט זייער יונגע שנור צום ערשטען מאָל אין מקוה; דאָס איז געווען א ווייבעל — בלוט און מילך! אין גאַנצען 17—18 יאָהר אַלט. און ווי נאָר די טוקערין האָט איהר אָבגערייניגט די נעגעל און זי האָט זיך אויפגעשטעלט, פלעגט די שוויגער, עליה השלום, דערצעהלען, זיינען אַלע ווייבלעך פערגאַפט געוואָרען פון איהר שעהנקייט, עפּעס א מין כשוף האָט זיך פון איהר גאַנצען לייב געגאָסען.... און ווען זי האָט אויפגעהויבען איהרע הענד צו פעררינכטען די האָר, וואָס האָבען זיך געשפּארט ארוים פון אונטער איהר טשיפּיק, זיינען זיי אַלע נשתומם געוואָרען! „עפּעס האָט זיך אין אונז אַלעמען אזוינס אויפגעכאַפּט — און מיר האָבען א שיין געטהאָן.... אָט ווי א פרישער זומער פריהמאָרגען אויף אַ יונג בוימעל למשל....״ פלעגט די שוויגער דערביי זאָגען.״ און שטילערהייט פלעגט זי מיר צולייגען: „און ווי איך האָב דאָס יענעם אבענד דעם שווער, זאָל לעבען, ליעב בעקומען — א גוואלד!...

„כאָטש אין דער אמת׳ן האָט זי אַלע מאָל זעהר ליעב געהאַט דעם שווער, עליו השלום, נאָר ווען זי פלעגט רעדען פון יענעם אבענד, האָט מען ממש גע־זעהען, אז אויף דער אידענע רוהט די שכינה — און איך קען שווערען — פלעגט זי מיר אַלע מאָל דערענדיגען — אז דיין יאַנקעל איז אין גאַנצען „יענע״ מיט די ביינער....

* * *

„דאָס ערשטע מאָל האָבען מיר זיך דערזעהן „אין״ שמחת תורה. איך האָב ניט געוואוסט פון גאָר ניט.... ס׳הייסט, איך האָב שוין יא געוואוסט, אז „מ׳רעדט מיר״ חיים משה׳ס זוהן, נאָר ווען רחל, מיינע א חבר׳טע, וואָס האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט, און טאַקי זיינע א שטיקעל קרובה געווען, האָט מיר געזאָגט: „מיר׳ן היינט געהן אין גרויסען בית־המדרש צו הקפות״, האָב איך גאָר ניט גע־וואוסט.... און אפשר?.... כ׳ווייס?.... נאָר גאָר ניט! זי זאָגט: אין גרויסען בית המדרש, טו זאָל זיין אין גרויסען.

„איך האָב זיך אָנגעטאָן, פערפוצט אזוי מיט'ן קנאַק.... פּאַרקאַמט אויף מיין שטייגער די האָר (אוי, האָב איך דאָס געהאַט א קאָפּ האָר, א וואַלד! א גאַנצער געדיכטער וואַלד מיט שווארצע, שווארצע האָר! און זיי פלעגן זיך נאָך אָט־אַזוי קרויזען.... אַזש נאָך יעצט מיין איך, דאָס ווען ניט צוליעב יאַנקלען, וואָלט איך בעסער מרוצה געווען גאָר אין גאַנצען ניט חתונה האָבען, איידער לאָ־זען אַזעלכע האָר אָבשניידען. כ'פלעג נאָך קאָנען מאַכען אזוי, אז א גאַנצע „פּאַסמע" זאָל מיר אראָפּפאַלען פון א ווינקעל שטערען אויפ'ן פּנים... און טאַ־מער פלעגט דער טאַטע, די מאַמע זאָגען: : ס'איז צו פערשייט, ס'פּאַסט ניט אַזוי פאַר קיין בעלי־בתיש מיידעל, פלעג איך טענה'ן: רבונו של עולם, וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען! וואָס בין איך שולדיג, אז ס'איז ביי מיר אַזעלכע האָר?

„מאַהל דיר, דאָס פּנים איז דאָך ביי מיר אזוי אויך געווען פריש, לויטער, פול מיט בלוט; מיט שווארצע ברענענדיגע אויגען.... און היינט א שווארצע סאַמעטקע אויפ'ן ווייסען האַלז!.... נאָר פון דעסטוועגען פלעג איך וועלען ס'זאָל נאָך אריבערפאַלען א פּאַסמע האָר און דוקא אויף דער רעכטער באַק — אָט ווי ס'גיט זיך איין א מיידעל א ברען....

„נאָר מילא, וואָס זאָל איך דיר דאָ לאַנג ברייען — איך האָב זיך מיר פערפוצט אויף מיין שטייגער און מיר זיינען אַוועק....

* * *

„שמחת תורה איז דאָך געווענליך „פראַשטשענא", און די נקבות געהען אראָפּ פון'ם ווייבערשען שטיבעל צו די מענער, מ'שטעלט זיך אויס, ווי דער שטייגער איז, ביי דער ווייבערשער וואַנד „ביז אַרויף"... הויז די ענגלייכטער ברענען דאָך אלע בליצלאָמפּען, אזוי לעבעדיג, אז ס'איז א מחיה! ס'בליצט אין די אויגען..... אויף די פּנים'ר, אויף די בערד.... אויף די שווארצע אטלעסענע קאַפּאָטעס, און דער גאַנצער עולם פּיהלט זיך עפּעס אזוי פריי, שטיפעריש, פּונקט ווי גאָר ניט אין בית המדרש....

„מיר קומען אַריין, ערשט! דער בעלעמער איז שוין פול מיט יום־טוב'דיגע אינגעלעך, ס'ברענען שוין די ליכט אין די רויטע עפּעל פון זייערע פאָהנען. און היינט איז דאָך דער בית המדרש אליין טאַקי געווען א צירונג! עפּעס גאָר א קליינינגקייט אויסצורעדען — דער אַלטער בית המדרש!... נו, און וואָס איז שוין גאָר דאָ צו רעדען פון יענע הקפות?!

„משה דער שמש פלעגט דאָס אויפרופען דעם עולם צו הקפות! נאַ־נאַ.... אָט נאָך יעצט שטעהט ער מיר לעבעדיג פאַר די אויגען, ווען ער גיט ארויס די לעצטע תורה, צולאָזט די הענד און גיט א געשריי: הלך! און אלע אינגלעך כאַפּען איהם אונטער אויף א קול: ה—ה—ללך! און ווען ס'שטילט זיך איין זייער געשריי, דערהערט זיך דעם רב'ס קול. (איהם פלעגט מען דאָס מכבד זיין מיט פיהרען די הקפות): ער געהט אַפריהער, איינגעוויקעלט אין'ם גרויסען טלית, וואָס איז בעברימט מיט זילבער, מיט א שעהנע זילבערנער עטרה, מיט דער שעהנכטער תורה, מיט'ן כתר, מיט'ן יד — און איז טאַקי אליין אויך א

בריליאַנטענער איד געווען; פון זיין ברייטען, ווייסען שטערען הענגען אַראָפּ אַ פּאָר גרויסע, גרויע ברעמען איבער זיינע טיפע אויגען (ער איז שוין דאַן אַ זקן געווען) און פון זיין אויבערשטער ליפּ דרעהען זיך אַ פּאָר גרויסע וואָנסען מיט אַזאַ געוואַלדיגער מורא אין זיין גרויסער זילבערנער באָרד אריין, אַז ס'פאַלט אַזש אָן אַ פּחד... און אַליין האָט ער דוקא אַ פּנים פון אַ מלאך, און ?ינגען זינגט ער מיט אַזאַ מתיקות, אַז ס'צוגעהט זיך אין אַ יעדען אבר. נאָך איהם געהען איינס אונטער'ן אַנדערען די איבעריגע אידען מיט די תורות. דער עולם: די קינדער, די ווייבלאַך, די מיידלאַך וואַרפען זיך צו זיי, מ'קושט ביי זיי די תורה, מ'ווינשט זיי, זיי זאָלען דערלעבען איבער אַ יאָהר, און זיי ענטפערען יעדען — „גם אתם", און ווען ס'ענדיגט זיך די הקפה, נעהמט מען זיך טאַנצען „פרעהלאַכס", פון אָנפאַנג געלאַסען, נאָכדעם שטאַרקער, גרעבער, היציגער.... און די לאָמפּען בליצען.... בליצען....

„ווען ס'דערהערט זיך ווידער דעם שמש'ס קול, איז מען דאָך אַלע ווי בע־רוישט, און ס'קול טראָגט זיך דאָך ווי פון ארון־קודש.... איז ווער ס'דערהערט זיין נאָמען, גיט מן הסתם אַ ציטער, וואָרום איך געדענק, ווען ער האָט אויסגע־רופען החתן יעקב בר' אברהם משה תן כבוד לתורה, האָב איך אַזש אַ ציטער געטאָן....

„ווען די אינגלעך האָבען צו יענער הקפה אַ געשריי געטאָן: הלך! געדענק איך נאָך ווי יעצט, אַז עס האָט מיר אַ שטאַרקען ריס געטאָן אין הארצען, און די אויערען זיינען מיר אין גאַנצען פערטויבט געוואָרען... פאַר די אויגען האָט זיך מיר אַלעס אַזוי אַ מיש געטאָן, צונויפגעגאָסען ווי אין איין שטיק, און אויסגע־קוקט האָב איך זיך ערשט, ווען רחל האָט שוין ביי איהם געקושט די תורה און איהם געוואונשען: „זאָלסט דערלעבען איבער אַ יאָהר מיט דיין טאַטע־מאַמע, מיט דיינע שוועסטער און ברידער און מיט אַ שעהנער כלה...."

„דאָ האָט מיר ערשט אַ רעכטער „טיאָכקע" געטאָן אין הארצען! איך האָב דערפיהלט, אַז איך ווער שטאַרק רויט ניט נאָר אויפ'ן פּנים, נאָר אויפ'ן גאַנצען לייב.... און זי גיט מיר נאָך דערביי אַ שטורך.... „מלכה, כאַפּט אַ קוש גיכער!" (איך זאָל כלומרשט ניט פערשפּעטיגען.) איך האָב זיך געשטאַרקט, און מיט די פינגער פון מיין רעכטער האַנד אַ גלעט געטאָן די תורה, זי אַ קוש געטאָן; און דוקא קוקענדיג איהם גלייך אין זיין פּנים אריין, וואָס האָט געשיינט ווי די זון, האָב איך איהם אַ זאָג געטאָן: „דערלעבט איבער אַ יאָהר" — און, דאַכט זיך, אַז נאָך מיט אַ שמייכעל.... נאָר ווען ער האָט אויפגעהויבען אויף מיר זיינע גרויסע אויגען און אַ זאָג געטאָן: „דערלעבט אויך איבער אַ יאָהר," האָט די פּאַסמע האָר, וואָס אויף מיין פּנים, מיר אַ מין מאָדנע קיצעל געטאָן, און איך האָב דערפיהלט אַ גרויל איבער'ן לייב.... אָבער עפּעס גאָר אַן נאַדער מין גרויל!...

„דער גרויל האָט מיך טאַקי אַ לאַנגע צייט ניט אָפּגעלאָזט, כמעט ביז איך האָב פאַר איהם ניט חתונה געהאַט, און ווייטער?.... מיר דאַכט זיך, אַז נאָך אַ לאַנגע צייט נאָך דער חתונה.... אַט אַזוי פלעגט דאָס מיר פלוצלונג אַ הילך טהאָן

אין די אויערען יענער „הלך“... א קיצעל טהאן אויפ׳ן באק, און „דער“ גרויל פלעגט א לויף טהאן אונטער דער הויט פון מיין גאנצען לייב.....“

* * *

פון יענער נאכט, געדענקט זי נאך, דאס ווען זי האט זיך אויפגעכאפט פאר־טאג, אז ס׳איז נאך געווען בלוי אין די פענסטער.... און איז ווידער אויף א מינוט אנדרעמעלט געווארען, האט זיך איהר גע׳חלום׳ט, אז זי געהט אויף א גרויסען, זעהר גרויסען, מיט גראז־בעדעקטען פעלד ; און דאס גראז איז אזוי גרין — גרין... און דער הימעל אזוי לויטער !... ווייט־ווייט אנטקעגען שטעהט אויפ׳ן גראז דער זומערדיגער וואלד.... און זי זעהט אליין מיט איהרע אייגענע אויגען — ווי עס כאפט זיך אין איהם אויף פון שלאף „דער פרישער זומער פריהמארגען“ — ווי דער וואלד ערוואכט.... אויפ׳ן גראז, אין דער לינקער זייט שטעהען, נאך גאר פערשלאפען, עטליכע גוי׳שע הייזלאך אונטער די שטרויענע דעכער.... אויף דער רעכטער זייט לויפט דאס גראזענע פעלד אליין, אליין, ביז אין הימעל אריין.... און זי געהט זיך, ווייזט אויס, אין וואלד אריין, און פיהלט אזוי גוט, פריש און ברייט.... א מחיה !

אין מיטען דערינען טרעפט זי אן אויף א גאנצער מחנה פויגעלאך. יענע גיבען זיך א כאפ אלע מיט א מאל, מיט א צוויטשעריי, פאטשעריי.... „הלך !“ ארויף, ארויף... זי קוקט זיי אזוי נאך ביז זיי פערפליהען העט־העט אין הימעל׳ס בלויקייט אריין. זי דערפיהלט דערביי „יענעם“ קיצעל, און כאפט זיך אויף ווי פון א געשמאקען קוש אויף די ליפען....

איהרע שעהנע האר, די שווארצע, זיינען צושאטען אויף דעם קלאר־ווייסען קישען, איהרעביידע הענד ליגען צונויפגעלייגט אונטער איהר צו־ווארעמטער באק ; די דינע וואלקען־גרויע דעק איז א ביסעל אראבגערוקט פון איהר שנעע־ווייסען העמד.... און מיט ברייט־צועפענטע אויגען זעהט זי : — לעבען איהר שטעהט די מאמע מיט א גוט איינגעבריהטען גלאז מילך אין האנד און קוקט אויף איהר אזוי הארציג ליעב, מיט אזא מאמעשען, נחת׳דיגען גדלות.... זי, מלכה, איז דאך ביי איהר א בת יחידה, און דערצו נאך די מיזינקע געווען.. . און מלכה קוקט אויף דער מאמען, גליהענד, ערוואכט, מיט אן אונבעוואוסטער שאלה, וועלכע שפראצט פון דער נאר־וואס ערוואכטער ברוסט, דורך די ברייט־צועפענטע אויגען ארום, און לייגט ביסלעכווייס א זאנדערבארען שטעמפעל אויף איהר גאנצע האלטונג.... אט דערפיהלט מלכה עפעס אזוי לייכט.... נאר א קליין שטיינדעלע זיצט אויפ׳ן הארצען.... דאס שטיינדעלע צואווארימט זיך, הויבט זיך אן שמעלצען, שמעלצט זיך און צוגעהט ווי צואווארימטער וואקס, און דאס הארץ ווערט אזוי ווארים, ווייך.... גיט זיך א צאפעל און זי דערפיהלט, ווידער יענעם גרויל.... טרערען שטעלען זיך איהר אין די אויגען, אבער עפעס אזעלכע ווארימע, ליעבע טרערען...

„גוט מארגען דיר, טאכטער מיינע !“ זאגט זי שוין ניט צום ערשטען מאל, די מאמע, און כאטש זי בעקומט נאך אלץ קיין ענטפער, שפארט זי זיך דאך צו אויף דער טאכטער׳ס געלעגער, לייגט ארויף די מאמעשע האנד אויף איהר

„מלכה׳ניום“ קאָפּ, און זאָגט תפלה׳דיג: „נעהם, טאַטעלע, טרינק אויס דאָס גלעזעל מילך! א גלאָז מילך, אז דער קיסר וואָלט זיך מיט איהר מחיה געווען!“

„אוי, וואָס איז דיר, קינד מיינס?“ פרעגט די מאַמע צושראָקען, ווען זי דערזעהט, אז דער טאַטער׳ס אויגען זיינען פול מיט טרערען.

מלכמה ענטפערט ניט — ס׳רעדט זיך ניט מיט ווערטער.... און דערפאר טאָקע גיבען זיך דאָס מיט א מאָל א גאָס די טרערען — „אזוי ווי אויף צו להכעיס“.....

די מאַמע מאַכט א געוואַלד, א געפילדער... ס׳קומט אריין דער טאַטע, ס׳לויפט אריין די שכנה, מען נעהמט זיך איהר אָבשפּרעכען „א גוט אויג“.

* * *

„איך בין טאַקי, נאָך יענעם מאָרגען, אויף דער אמת׳ן קראַנק געוואָרען“ — דערצעהלט די באָבע מלכה, — „אָבער נאָכדעם בין איך עפּעס געוואָרען גאָר אַן אנדער מענש. עפּעס איז מיר אין די אויגען מיט א מאָל ליכטיגער געוואָרען, און כ׳האָב אָנגעהויבען קוקען אויף אַלעס אזוי ליכטיג, אז כ׳האָב זיך אליין ניט דערקאָנט.... הערט, צום ביישפּיעל, אזא נאַרישקייט: כ׳האָב ליעב געקראַגען די „פּאַוטינע“, וואָס איז דאָן אזוי ווי אומיסטען ארומגעפלויגען אין דרויסען.... א שטייגער, וואָס איז דאָ ליעב צו האָבען? — נאָר געה פרעג קשיות! און איך פלעג זיך ניט פוילען ארויסגעהן אין דרויסען — געהן כלומרשט צו דער מאַמען אין קלייט אריין, און אויפ׳ן וועג קוקען ווי ס׳שלאַנגלען זיך די ווייסע פעדים אונטער דער זון.... טאָמער פלעג איך דערזעהן איינע נידעריג, פלעג איך שוין געהן אזוי — זי זאָל זיך אָן מיר אָנטשעפּען.... כ׳זאָל זיי געווען קאָנען קושען, וואָלט איך זיי געקושט.... א־ניט פלעג איך גאָר עפענען דאָס פענסטער, וואָס איז ארויסגעאָנגען צום וואַלד, קוקען אויף די ווייסע פעדים, דערווייל<br>ע זיך שוין פערקוקען אין וואַלד, און פלעג אזוי קאָנען אָבשטעהן ביז אין דער נאַכט אריין, און א שטייגער, וואָס האָב איך אין וואַלד? גאָר ניט! און פון דעסט־וועגען פלעגט דאָס מיך ציהען אהין, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען — כ׳הער שוין דאַווענען מנחה, אָדער טאָמער שבת — ווי די מאַמע זאָגט שוין „גאָט פון אברהם“, ווי ס׳בעווייזען זיך שוין שטערען אין הימעל... ווי ס׳צינדט זיך שוין אָן פייער אין די פינסטערע פענסטער, ס׳הערט זיך שוין פון דער „גוישער“ גאַס דאָס זינגען פון די שקצים מיט די שיקסעס... און איך שטעה נאָך אַלץ און קוק אין וואַלד!.....

„היינט פלעג איך פלוצלונג עפּעס גלאַט ווי משוגע ווערען! וואָס איך פלעג דאָס ניט דערארבייטען!... שפּרינגען, טאַנצען, איבערקעהרען וועל־טען! מיטען׳דרינען פלעג איך ארומכאַפּען רחל׳ען, קושען האַלזען, אָבער אזוי ווי איך וואָלט זי וועלען איינשלינגען! אוי, ווי איך פלעג זיך דאָס פרעסען צו איהר! און מיר פלעגט זיך עפּעס אזוי שטאַרק וועלען, אז זי זאָל מיך ארומ־נעהמען, אז כ׳האָב געפיהלט ממש דאָס חיות געהט מיר אויס! און אז זי פלעגט זיך צוריהרען צו מיר, פלעג איך עפּעס אזא צאַפּעל טהאָן, ווי די הויט וואָלט מיר מיט א מאָל צו קליין געוואָרען אויפ׳ן לייב.... א־ניט פלעג איך גאָר קאָנען

נעהמען און זיך אוועקזעצען ביים שפּיגעל, קוקען אהין און קלערען, קלערען, ביז איך פלעג מיט א מאָל רויט ווערען, פּונקט ווי איך וואָלט עפּעס אוועקגע־גנב׳עט... פרעגט וואָס ?...."

אָט אַזוי האָט אונז פון היימליכקייט וועגען די באָבע דערצעהלט, אין א קאַלטער ווינטער־נאַכט, זיצענדיג אויף׳ן „קלעצעלע" געגענאיבער דער הרובע, וועלכע האָט פאר איהר פרעהליך געברענט און געקנאַקט.

ביי דן לעצטע ווערטער האָט זיך די באָבע ארומגעזעהען, אַז אין הרובע איז שוין אויסגעברענט — האָט זיך גענומען „איבערשאַרען", און אריינקוקענ־דיג פערטאָן אין דעם פלאַם פון׳ם איבערגעשאַרטען פייער, וועלכער האָט זיך, מיט אַ רויטער צופרידענהייט אויף איהר געקנייטשטען פּנים פלאַטערענד געשפּיגעלט, האָט זי מיט א יוגענדליך־שטיפערישען טאָן פערענדיגט:

„יא, יא, קינדער! געווען יאָהרען, געווען...."

---

ע. ל. פליישמאַן

# וואוהין?

וואוהין, אָ קינד מיינס, זאָג וואוהין?
אָ וועלכע ווייטקייט רייצט דיין זין?

דער רויש פון שטאָדט, דער רעש פון גאַס,
פילט אָן דיין בייגקענד האַרץ מיט האַס?

עס ציהט דיך ווייט פון דאַנען, ווייט,
צו דונקעל־גראָהער איינזאַמקייט?...

אָ קינד, האַלט אויף, האַלט אויף אַ ווייל!
אָט דאָ פערבלייב, ניט אייל, ניט אייל!

איך האָב פאַר דיר, איך זאָג דיר צו,
אַן איינזאַם אָרט פון שטילער רוה...

געטרוישט האָט דאָרט אין יענעם הויז
אַ וועלט אַ מאָל, און — איז אַרויס!

און איצט איז דאָרטען שטיל און שוואַרץ —
אָ קום, מיין קינד, צו מיר אין — האַרץ!

מ. גערשוני

# דאָס פייעריל

---

ווייסען ווייס איך ניט, צי איז דאָס אַ חלום, אַ באָבע מעשה, אַ פאַנטאַזיע, אָדער אַ ווירקליכקייט, ס'האָט זיך מיר אָבער געוויס פאָרגעשטעלט...

אַז ווייט אונטער דעם האָריזאָנט, וואו ס'פערשפרייטען זיך די פורפורשטראַלען פון דער גאָלדענער זון, אַהין — פון יענער זייט רוישיגע און שוימיגע כוואַליעס פון ברייטע און טיעפע וואַסערן, אַריבער די צושפּאָלטענע גראַניטענפעלזען, צווישען געדיכטע פינסטערע וועלדער, — דאָרט ערגעץ ווייט, ווייט, האָט אַ פייערעל געפינקעלט, מיט אַ שלאַפען ליכט געבלישצשעט.

און עס בעהאַלט זיך דאָס פייערעל, זינקט אונטער די שטיינערנע בערג און אָט שווימט, קוקט עס אַרויס פון אַ געדיכטען וואָלקען און נאַרט צו זיך, רופט, ציהט מיך מיט אַ כשופ'דיגער מאַכט.

קלייבען זיך צוזאַמען, שווימען צו טונקעלע וואָלקענס — שרעקליכע מוראדיגע. הינטער זיי פערשווינדעט דאָס פייערעל...

ווערט עס פערלאָשען ?

ניין. ס'ווערט ניט פערלאָשען. אין דער אונגעהויערער געדיכטקייט ווערט עס דערטרונקען.

שיינט העל די זון, זעהט מען אויך קוים דאָס פייערעל. די זון שלינגט עס איין. זיין שלאַפע ליכט צוזייעט עס אין איהרע דינע, גאָלדענע פעדים. דערפאַר ווען די זון געהט אַוועק אין איהר רוה, ווען די פינסטערניש ווערט געדיכטער, בעוויזט זיך ווידער דאָס פייערעל. זיין בריליאַנטענע שיין שפּיגעלט זיך אָב אין אויסגעלייטערטען הימעל, העלער ווי די שטערען לויכט עס, אַ ליעבליכען גרוס שיקט עס מיר צו פון ווייטען זויבערען קופאָל און ציטערט, פינקעלט מיט זיין הערליכער בלאַסקייט, מאַניעט און שמייעדעט צו צו זיך מיינע בליקען און רופט, רופט מיט אַ צויבער־מאַכט...

דאָס פייערעל האָט אַ וואונדער־קראַפט געהאַט: ס'האָט מיר פליגלען געשאַפען.

זיי טראָגען מיך אין דער הויך: העכער פון דער שטויביגער ערד.

איך פליה אום אָהן אַ ציעל. איך שוועב אין דער לופטען, דרעה זיך אום, ווי אַ טויב, וואָס פליהט אַרויס פון נעסט, וואו זי איז אַ געפאַנגענע געזעסען אַ לאַנגע צייט. און בעמערקט האָב איך נאָר שפּעטער, אַז דאָס פליהען האָט געהאַט אַ געוויסען מאַרשרוט — צום פייערעל בין איך געפלויגען, צום פייערעל, וועלכער האָט גערופען, געשלעפּט, געצויגען צו זיך...

אָט איז פון ערגעץ אָנגעפלויגען אַ שטורם. צוקנייטשט און צובראָכען

זיינען מיינע פליגלען. צו דער ערד בין איך געשליידערט. פערשוואונדען איז די צויבערישע קראַפט פון מיינע פליגלען. דאָס פייערעל אָבער פּאַראויס רופט און רופט, לויכט און ציטערט מיט אַ פינטעלדיגען שיין.

מוז איך געהן נאָך זיין רוף, צו זיין פינקעלדיגען ליכט. טרעפען זיך שטיינער אונטער די פיס. עקעלהאַפטע בעשעפענישען און קריכעדיגע ווערים פערפעסטען דעם וועג. דראַקאָנען און בעפליגעלטע שלאַנגען שפייען פון זיך אַרויס זיילען פייער, ברענען מיין פנים, בלענדען מיינע אויגען.

האָב איך מיט די דראַקאָנען מלחמה געהאַלטען. צופּיצעלט און צוריסען האָב איך די פליגלען אין קאַמפף מיט שלאַנגען. מיט מיינע שוואַכע פיס עקעלהאַפטע בעשעפענישען געטראָטען. איבער שטיינער בין איך געשפּרונגען. אַ פערמאַטערטער בין איך לאַנגזאַם געגאַנגען. טריט ביי טריט, אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן בין איך נאָכגעגאַנגען נאָך דעם פייערעל, וואָס איז אומגעשפּרונגען הין און הער...

געריייצט האָט זיך דאָס פייערעל מיט מיר. העל האָט עס געלויכטען און געפלאַמט אין איין פלאַץ, אָדער קוים, קוים בעוויזען זיך אין אַ צווייטען אָרט. אָט האָט עס מיט שנאה געברענט און אָט האָט עס צו מיר ליעבליך געפינקעלט, געוואונקען, פון מיר זיך ווייטער אָבגערוקט און מיך מיטגעצויגען, מיטגעשלעפּט.

און אָט שטעהט מיר אין וועג אַ וואַסער אָ׳ן אַ ברעג און אָהן אַ סוף...

איבער׳ן וואַסער, דאָ און דאָרט, שוועבען ים-פויגלען. זיי פליהען און פינקלען מיט זייערע העל גרוי-ווייסע פליגלען, ווי אַ בליץ אין בליי-שווערער לופט. שוואַרצע וועלען קויקלען זיך, יאָגען, שפּרינגען, דראַפּען זיך איינס אויף די אַנדערע. מיט זילבער-ווייסע קרוינדלעך טהוען זיי אָן זייערע רוקענס. ביי טאָג גליצשט זיך צווישען זיי די גאָלדענשיינענדע זון. די בלאַסע לבנה מיט איהרע אייביגע חברתות — ליליענפאַרביגע שטערענדלאַך שווימען אום ביי נאַכט. די שטערנדלאַך טוב׳לען זיך, בעהאַלטען זיך אין די טיפעניש, שווימען אַרויס אויף די וועלען, זעצען זיך אויף זייערע רוקענס און רייטען אוועק צוזאַמען מיט זיי וואוהין דאָס אויג קען ניט דערגרייכען...

און אָט בעוויזט זיך אין ווייטען ליכטיגען נעבעל אַן אונבעדייטענד, שוואַרץ פינטעל. געדיכטע וואָלקענס רינגלען אַרום דאָס פינטעל און שלינגען דאָס איין. מאַרשירען אַוועק די וואָלקענס, וואַקסט דאָס פינטעל, פערגרעסערט זיך און שווימט אַרויס נעהענטער... ניטאָ שוין מעהר קיין פינטעל. אַ שיף טהיילט פאַנאַנדער די וואָלקענס, זי לאָזט זיך אַראָב. די וואַסערען קאָכען און זידען. די רעדער דרעהען זיך. בריזגעס פליהען. די זון שטראַהלט אָב אין די בריזגעס אַלע פאַרבען פון אַ רעגענבויגען, קומען אַרויס פון הויכען קוימען שווערע שוואַרצע וואָלקענס רויך און סטראַשען צו פערשטעלען די זון, פערטרייבען איהר שיין...

אויף דער פּאַלוב פון שיף בעשעפטיגען זיך מערכענהאַפטע שרייטלען מיט לאַנגע ווייס-גרויע בערד. אין זייערע באַקען שפּיעלט יוגענדליכע פאַרב. זייערע בליקען זיינען ערנסט, זיי טהוען גלאַסען זייער אַרבייט. צויבערישע פעען שוועבען צווישען די אַלט-יונגע גנאָמען. די זון שטראַהלט מיט אַ בריליאַנטענעם בלאַסק אין זייערע דורכזיכטיגע פליגלען. דער ווינד פאַכט זייערע גאָלד-

פארביגע האָר אין דער פרייער לופט. ווי מיט אַ שפּינוועבס פלעכט ער אַרום די קיילעכדיגע אַקסלען ביי די פּעען און פערליערט עטליכע גאָלדענע לאָקאָנעס אויף זייער מאַרמאָר רויזען-שטערן און בתולה'שע עלאַסטישע ברוסטען.

אַ ליאַרעמדיגער שטורם האָט מיך אַריבערגעטראָגען אויף דעם מערכענ-האַפטען שיף.

דער ווינד, דער שטיפער, טרייבט די לופטיגע פּעען. זיי טרעטען צו נעהנטער צו מיר. זיי ווילען מיך פער'כשופ'ען מיט'ן בריליאַנטענעם בליאַסק פון זייערע זויבערע אויגען, פערצויבערן מיט אַ היציגען שמייכעל אויף זייערע קאַרשען-ליפּען. מיט די פלאַמענדע באַקען און הייסע ליפּען ריהרען זיי זיך אָן אָן מיין פּנים, מיט זייערע צאַרטע הענד גלעטען זיי מיינע האָר, טראָגען מיר אונטער שוימיגע געטראַנקען און בעטלען פון מיר אַ קוש.

און די בעפליגעלטע שיף פּאַצשט מיט איהרע פליגלען, שניידט די לופט, צושפּאַלט די שטורמיגע וועלען, שאַקעלט זיך און וויעגט זיך. זי איילט מיט מיר צוזאַמען בעגעגענען דאָס העל-שיינענדע און צייטענוויז טריעב-לויכטענדע פייערל.

אָט פאַלען אַלט יונגע גנאָמען, איינע — אין שרעקליכע ליידען מיט אַ ווילדען בייזען קוק, אַנדערע — מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל, מיט'ן זייגעל פון טוידט-רוה אויף די פּנים'ער. איבער'ן באָרט וואַרפט מען אַרויס די טוידט-געפאַלענע. און פיש פערשלינגען זיי אין די פיעל-פערצעהרענדע בייכער.

און די שיף וויעגט זיך, שאַקעלט זיך און שניידט דעם וואַסער. נימפען און סירענען, מיט קרעדענצען פון ים-גראָז אויף די קעפּ, שפּרינגען פון דער טיעפעניש. זיי בויגען זיך אין וואַהללוסטיגע פּאָזען, קלאַפּען אין די הענד, קלעטערען אויפ'ן באָרט, מיאַאווען ווי קעץ, סיקען ווי שלאַנגען, ווינקען פער-פיהרעריש צו מיר מיט זייערע גלאָז-קאַלטע אויגען, הייבען אויף גאַנצע בערג וואַסער-שטויב און פערשטעלען דאָס פייערל...

ווייטער טראָגט זיך די שיף, ווי אַ פרייער שטאַרקער פויגעל אין דער לופט. אין נייע קליידער טהוט זיך אָן דער הימעל. פערשיעדענע אָבריסען פון פרייד און טרויער מאָהלען זיך אין פרייען קופאָל בילדער, בילדער!

דאָרט ווייטער זעהט זיך דאָס בילד פון געבורטסליידען; נעהענטער — פון אומזיסט-ערוואַרטעטע פאַמיליען-פריידען; אַהין אין נעבעל — דאָס שוידערליכסטע בילד, די ענדע, די אייביגע בערוהיגונג.

אָט האָט דער הימעל אויף זיך איין אַש-קאָליערטען פלעער אַרויפגעצויגען און, זיך צו ווייזען. דער גלייכגילטיגער ווינד האָט די טרעהרען אונטערגעכאַפּט און צוזייעט און צושפּרייט. אומגעקעהרט האָט זיך דער ווינד, אויף דער שיף איז ער אַרויפגעשפּרונגען, מיט די מאַסטען זיך אַ סוד'ע געטאָן, אין קוימען אַריינגעהודזעט. די וועלען האָבען זיך אויפגעבלאָזען. דאָס וואַסער שמייסט אין באָרט און איבער באָרט. געפלאַצט האָט עפּעס. די שיף טהוט אַ קרעכץ. קאַלטע וואַסער אומאַרמט זיך. אין האַלז וואַרגט און שטיקט. מיין קערפּער וואַרפט זיך ווי אין אַ קאָנוואולסיע. אַלעס צומישט זיך פאַר מיינע אויגען... נעבעל און פינסטערניש...

געקומען בין איך ווידער צו זיך און ליעג אין אַ שמאָלער איינגער לאָדקע.

שטיל, רוהיג וויעגט זיך די לאָדקע אויף דער וואַסער־פלאַכע, אונטער איהר זיצט דרימלענדיג דער רולעוואי — אַן אַלטער איינגעהויקערטער מאַן. אַ שטילער שטראָם טראָגט די לאָדקע זעהר לאַנגזאַם און איך ליג אַן אָבגעשוואַכטער, אָהן פערלאַנגען. די ווייטע זון גלעט מיין פנים מיט איהרע ליעבע וואַרימע שטראַהלען. דער קוים ריהרעוודיגער זעפיר גלעט מיך צערטליך, טריקענט און צופּאָכט מיינע צוזאַמענגעקלעפּטע האאר. פון מיינע אויגען בלאָזט ער ביסלעכווייז אַראָב דעם נעבעל. איך פיהל, ווי אַ קראַנקער קומענדיג צו זיך נאָך אַ שטאַרקער קריינק. און, אַך, וועלכע פרייד!

ווידער בעוועגט זיך פאָראויס דאָס פייערל. עס ברענט און לויכט נאָך העלער. זיינע שטראַהלען ציהען זיך פון אַלע פיער זייטען. זיי שפּאַרען זיך גלייך צו מיר. זיי מונטערען מיך, בעטען מיך, פערנאַרען, רופען און ציהען צו זיך!...

דער אַלטער שלאָפט. אונגעהויער שטיל איז דער שטראָם. דעם רודער האָט דער אַלטער פון זיינע הענד ארויסגעלאָזען. וועל איך דעם אַלטען לאָזען רוהען, און וועל נעהמען זיך צום רודער. זאָל די לאדקע כאָטש שטיל שווימען אַהין צום בעדייטענדען ווינק און רוף...

זעה איך פלוצלונג אין לאָדקע אַ געהיימע אונבעקאַנטע. מיט איהרע נאַקעטע פיס שרייבט זי אַ בלייכען שטרייף איבער'ן וואַסער. מיט איהרע שעהנע הענד, וואָס זיינען אויפגעדעקט ביז די עלענבויגען, שאַרט זי דאָס וואַסער און פּרובט אומקעהרען די לאָדקע צוריק. זי דרעהט זיך אַלע מאָל אום צו מיר, קוקט היים און שאַרף, שמייכעלט און ווייזט איראָניש אויף'ן האָריזאָנט.

איך פערגעס אין אַלעם אַרום מיר. איך פערגאַף מיך אויף דער אונבעקאַנטערם שעהנקייט. איהר שלאַנקער קערפּער, די גרויסע בלויע אויגען, איהר הויכער ווייסער שטערן. אַזאַ ליעבליכער אונערוואַרטעטער פערגניגען! אַך, ווי מיר ווילט זיך אַ גלעט טהון איהר מאַיעסטעטישען קאָפּ מיט די געדיכטע צורוואָרפענע האָאר.

די געהיימע אונבעקאַנטע פיהלט דעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט אויף מיר. פרעהליכער און מוטהיגער ווערט זי. זי גלעט און צערטעלט מיך פון ווייטענס מיט איהר ליעבען שמייכעל. איהר קוק פערשפּרעכט עפּעס. ער ווינשט אַזוי פיעל...

וויל איך זיך צובייגען צו איהר, טהוט זיך די לאָדקע אַ בויג אָן אַ זייט און אָט פאַל איך אַריין אין וואַסער. די לאָדקע שווימט לאַנגזאַם און דאָס פייערל פינקעלט קוים פון ווייטענס.

די געהיימע אונבעקאַנטע פערליערט די געדולד. זי בויגט זיך נעהענטער צו מיר און וואַרט אַן אונצופריעדענע. זי וואַרט און דאָס פייערל גנב'עט זיך אַרויס פון אונטער איהרע ברייטע פלייצעס און פינקעלט, פינקעלט שוואַך...

די אונבעקאַנטע קוקט אויף מיר שטרענג. איהרע אויגען גיסען זיך אָן מיט האַס. עס צינדט זיך אָן אין זיי אַ בייז פייער. זי וואַרט נאָך אַ ווײַלע און וואַרפט זיך אַרויס פון לאָדקע, שפּאַלטענדיג דעם וואַסער ווי אַ גוטער שווימער.

און פון דער בלויער ווייטקייט הערט זיך אַ שטימע: אַ פרייליכער געלעכ־טער אָדער היסטערישעס געוויין? קען איך ניט בעגרייפען.

איך פיהל נאָר ווי די לאָדקע טהוט זיך אָן עפּעס אַ שטוים און שווימט אריין אין אַ שמוציגע שטעהענדיגע לוזשע...

אַלע ערשיינונגען זיינען פערשוואונדען און ניט עס בעווייזט זיך, און ניט עס לויכט מעהר דאָס פייערעל.

ידידיה מרגלית

# לייזער מארין

.1

נאָך ווען לייזער מארין איז אַלט געוועזן אַכט יאָהר, האָט ער דערפיהלט, אז ער איז אַליין צווישען זיינע חברים; ער איז געוועזן איינזאם און אין גאס צווי־שען צעהנדליגע דורכגעהער פלעגט ער זיך געהן מיט זיין צו־וואָרפענעם, זיג־זאג גאנג, אַ לאַנגער און אַ שמאָלער, אין שטיוועל און אין אַ פּאַלטאָ, וואָס איז דערגאַנגען נור ביז די האָלעוועס, דעם קאָלנער אויפגעשטעלט; זיינע שאַרע אוי־גען פלעגען אָנגעשטערענגט און צושטרויט בליקען פאָראויס אין איין אונבע־שטימטער ריכטונג. די הוט איז געזעסען איף זיין קאָפּ נישט גלייך, פונקט זיין פּאַטילניצע וואָלט געוועזן אויסגעדרעהט, נאָהענטער צום רעכטען אויער. און אַ מאָל, ווען ער פלעגט געהן אזוי צווישען צעהנדליגע דורכגעהער, פלעגט זיך אין איהם אויפהויבען אַ מעלאָדיע, פלעגט זיך וויעגען און שלייגלען ווי די אויבערפלעכע פון אַ טייך, ווען זי דערפיהלט דעם אָטהעם פון אַ שטילען, וואָרי־מען ווינטעל, און עס פלעגט זיך ארויסרייסען פון זיין מויל אַ ברום... ער שרעקט זיך אַליין איבער פון זיין שטימע, מיט געוואָלט האָט ער אָב זיין אָטהעם און ער קוקט אין אַלע זייטען: האָט ניט עמיץ עס פערנומען?

איבעראַל: אין חדר, אין בית המדרש און אין דער היים האָט מען זיך מיט איהם בעגאַנגען אַנדערש, ווי מיט אַזוי אַ אינגעל. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיין נאָמען לייזער רעדט מען ארויס עפּעס אַנדערש און מיט אַנדער הטעמה ווי שמעריל, יענקעל און אברהמקע. זיין רבי פלעגט זיך צו איהם ווענדען מיט אַנאַנדער קול, ווי צו די איבעריגע, ער זאָל איבערזאָגען דעם שיעור: — נו, לייזער, זאָג איבער. די חברים זיינע אין חדר פלעגען זיך איינינע מינוט האַל־טען עצה איידער זיי פלעגען צו איהם צוגעהן בעטען געלד אויף אַ סעודה; אויף מלחמות האָט מען איהם קיינמאָל ניט גערופען, און ער אַליין האָט זיך אויף

נישט אָנגעבאָטען מען זאָל איהם מיטנעהמען. בלויז מיט איינעם האָט ער זיך צונויפגעחבר'ט, מיט ישראל'קע דעם פיעדלערס; דאָס איז געווען א דינער און הויכער אינגעל מיט א טונקעלען און שעהנעם געזיכט, מיט טונקעל שווארצע, גרויסע אויגען און א הויכער קיילעכדיגער שטערן און דינע, לאַנגע פינגער; אין חדר איז ישראלקע געווען פון די ערגערע, אָבער אלע האָבען איהם ליעב געהאַט.

זייער פריינדשאַפט האָט זיך אָנגעהויבען דערפון:

איינמאָל צווישען מנחה און מעריב האָט ישראלקע געפרעגט לייזער'ן:

— לייזער, האָבּט סטרונעס פון א פערדישען עק, וועל איך דיר מאַכען א פיעדעל.

לייזער האָט מיט השד א קוק געגעבען אויף איהם און געענטפערט:

— איך האָב ניט קיין פערדישע האָר!

ישראלקעס שעהן געזיכט איז איהם געפעלען געוואָרען און ער האָט איהם געפרעגט:

— פון וואַנען קענסטו מאכען פיעדלען?

די שאלה האָט ישראל'קען פערוואונדערט.

— פון וואַנען איך קען? איך בין דאָך שלמהקע דעם פיעדלערס.

— איך האָב דיר נישט געקענט, האָט לייזער קורץ געענטפערט.

— קום צו אונז — האָט ישראלקע געזאָגט — וועל איך דיר ווייזען אזא גרויסען פויק, ווי א דוויזשע, ווען קיינער וועט ניט זיין, וועלען מיר פייקלען.

לייזער האָט געשוויגען.

— קענסטו זינגען? האָט ישראלקע ווייטער געפרעגט און ארויפגעלייגט זיין האַנד ביי לייזער'ן אויפ.'ן אקסעל. לייזער'ן איז דאָס נישט געפעהלען: צו שנעל איז דער אינגעל געוואָרען מיט איהם פאַני-בראַט. אָבער ער האָט אין זיך קיין מוטה ניט געהאַט אראָבצושטופען זיין האַנד.

— איך קען. האָט לייזער געענטפערט.

— דעם חזנס לכה דודי וועסטו קענען איבערזינגען?

— דאָס קען איך נישט!

— טו וואָס קענסטו?

— אַזוי נגונים.

— וועסטו מיט מיר געהן שפּאַציערען אין גלח'ס גאָס?

— יע.

לייזער האָט געקענט א סך נגונים און תמיד פלעגט ער ברומען א ניגון; שעות-לאַנג פלעגט איהם בעהערשען א מאָטיוו, נישט לאָזען רוהען, דאַן פלעגט ער אַלעס טהאָן אין טאַקט פון דער נגינה. אויב ער האָט געלעזען — פלעגען זיך די ווערטער וויעגען ביי איהם אין געדאַנק מיט דעם זעלבען ריטם, און געהענדיג פלעגט ער שפּרייזען צום טאַקט. ער פלעגט זינגען גיך און ענערגיש, זינגען ביז ער פלעגט זיך פערמאַטערען, ביז דער ניגון פלעגט אויפהערען צו ווירקען אויף זיינע אָבגעמאַטערטע נערווען.

ער ליעגט ביינאַכט אויפ'ן געלעגער און הערט זיך צו צום מאָנאָטאָנישען

גאנג פון וואנד־זייגער. אין פענסטער זעהט זיך דער רוקען פון א געהיימען, שווארצען און נישט דורכזיכטיגען וועזען — די נאכט. פון צווייטען צימער הערט זיך דעם טאטענס חראפּ און דער מאמעס קורצער און שטילער אָטהעם. אויף א צווייטען בעטעל שלאָפט זיין עלטערער ברודער שלום איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע.

איך וועל אזוי ליעגען ביז פריה! פאלט איהם איין און דערביי פיהלט ער, אז אלע זיינע נערוועז האָבען אויפגעוואכט. אין א ווייל'ע שפּעטער הערט ער שוין, ווי דער וואנד־זייגער געהט מיט א טאקט און וואָס ווייטער בייט זיך אַליץ דער טאקט. און שטילערהייד זינגט ער ביז אין דער פריה.

נייע נגונים פלעגט ער הערען צושטרויט; ער פלעגט זיך נישט צוהערען צום ניגון, נור צו דער ריטמישער וויבראציאָן, וואָס ער האָט אין איהם ערוועקט; דאן אין א צייט שפּעטער פלעגט זיך אין איהם עפּיס אָנהויבען צאפּלען, דערנאָך אָבקלינגען איז געדאנק און צולעצט פלעגט ער מיט'ן אָטהעם, ווי אין דער פינסטער טאפּענדיג, אָנגרייפען דעם מאָטיוו.

איינמאָל האָט לייזער מיט ישראל'קען געשפּאצירט הינטער דער שטאָדט, ביי דעם קאָסטיאָל, וועלכען מען האָט אין שטעדטעל פון יעדען פּונקט געזעהן; זיין בלעכענער, רויטער דאך האָט דערצעהלט די איינוואָהנער פון קליינעם שטעדטעל וועגען א גרויסער וועלט, וואו מענשען לעבען נישט אין אזוינע קליינע, האָלצערנע הייזלאך, ווי זיי, און זיינע הויכע ווייסע ווענד האָבען שטום אָנגע־שטויסען די זעהערס אויף גרויסע און ערנסטע געדאנקען. עס איז געווען א ווארימער, זומערדיגער פארנאכט; די לופט איז געווען אָנגעפילט פון די ווייכע און מיסטישע קלאנגען פון ליכט און פינסטערניש, פון מעכטיגען אָטהעם פון דעם טייך ביי דער מיהל, מיט דער גרויסער און געהיימער מימיקע פון וואלד, וואָס האָט פערצוימט דעם מערב און פערשטעלט די פערגעהענדיגע זון און די בעגעגעניש פון טאָג און נאכט. לייזער האָט א מאָל געהערט, אז מען טאָר ניט קוקען אויף דער באָד און הערען דאָס שפּיעלען פון אָרגאן, אז צוערשט האָט גע־מאכט אן אָרגאן דוד המלך, און ווען דער בית המקדש איז נאָך געשטאנען, האָט מען געקענט אויף איהם שפּיעלען אי פרעהליכע אי אומעטיגע נגונים, נור זינט ער איז חרוב געוואָרען, לאָזען זיך פון אָרגאן הערען נור ברומענדיגע, שווארצע טענער.... ער האָט דאָס א מאָל געהערט, אָבער דאָס איז נישט פעסט אריין אין זיין בעוואוסטזיין, און ער האָט עס פערגעסען. עס האָבען זיך געלאָזט הערען די ערשטע אקאָרדען פון אָרגאן. עס האָט געשטראָמט א פאליע שווארצע און גראָבע טענער, וואָס האָבען זיך געטראָגען ארויף און פלעגען פערקלונגען ווערען אין זיך איידער זיי פלעגען דערגעהן ביז דער סטעליע. און איבער דער שוואר־צער מאסע טענער האָט זיך געהויבען, ווי א בלוי רויטליכער זייל פון א ראקעטע א ווארימער טאָן, און ער האָט שוין געהאלטען ביים סופית און דוכט זיך שוין אריבערגעהויבען זיך אויף דעם קאָסטיאָל, האָט זיך ערוועקט שטורעמדיג און מיט בעהערשענדער מאכט א באס־אקאָרד, פערשלונגען דעם דינעם און ווייכען און צוזאמען האָבען זיי געקלונגען מעכטיג און שעהן. ישראלקע האָט גע־הערט, זיינע אויגען זיינען געווען ברייט אויפגעעפענט, די הענד אין די קעשע־

נעם און זיין געזיכט האָט זיך אויסגעצויגען. לייזער האָט געהערט צושטרויט, נור אין זיך האָט ער געפיהלט ווי אַן אָבקלאַנג פון א ווייטען דונער אין א וואַל־קען, נאָך וועלכען עס הויבט זיך אָן, געוויס בלויער הימעל.

— ווייסט, ישראלקע, לאָמיר געהן ווייטער, אזש ביז דער מיהל!

— דאָ איז קיינער ניטאָ; איך האָב מורא.

— פאר וועמען האָבּטו מורא? האָט לייזער פון איהם געשפּאָסט און זיי זיינעןביידע שטיל געגאַנגען אויף דער סטעזשקע ביי דעם וועג צו דער מיל.

— ישראלקע, אמת, אז דיין עלטערער ברודער דוד׳קע איז א גרויסער פּיע־דעל־שפּיעלער?

— יע, מיין ברודער דוד איז אין א קאָנסערוואטאָריע דער בעסטער, ער שפּיעלט אויף קאָנצערטען.

— וואָס איז קאָנצערטען?

— קאָנצערטען? איך ווייס — עס קלייבען זיך צונויף א סך מענשען, רייכע אין טהייערע קליידער, מסתמא אין א הויכער, הויכער שטוב, אזוי הויך ווי דער קלויסטער און נאָך שעהנער — און ער שפּיעלט, מען פּאַטשט בראַוואָ!

— פאר וועמען? האָט לייזער געפרעגט פערטראַכט; ער האָט זיך פאָר־געשטעלט א הויכען, הויכען מויער, נאָך העכער ווי דער קאַסטיאָל, אין א גרויסען זאַל, וואָס איז בעליכטען נאָך מעהר, ווי די שוהל צו קבלת שבת, אין דער מיט שטעהט א בימה און דוד׳קע שפּיעלט פאר א גרויסען עולם.... און אין לייזער׳ס געדאַנק האָט אָנגעהויבען צו שאַלען דאָס שפּיעלען פון אָרגאַן....

— פאר דוד׳ן — האָט ישראלקע געערדט — איהם פּאַטשט מען בראַוואָ! דו האָסט בעדאַרפט זעהן, וואָס פאר א מתנות ער האָט בעוויזען, מען האָט איהם געגעבען רינגען, זייגערלאָך און בילדער....

— ווער גיט דאָס איהם?

— ווער? פּריצים און פּריצות! ווען ער איז דאָ געוועזען, האָב איך ביי איהם געזעהען א פּאָרטרעט פון א פּאַנענקע, אָדער א מיידעל; אזא שעהנע!

הינטער זיי האָבען זיך דערהערט טריט, ישראלקע האָט זיך איבערגעשראָ־קען. לייזער האָט א בליק געגעבען אויף הינטען און געזאָגט:

— עס מאַכט נישט, האָב ניט קיין מורא.

און איידער ישראלקע האָט געהאַט צייט צו בערוהיגען זיך, זיינען האַרט ביי זיי דורכגעגאַנגען א הויכער, פעסטגעבויטער בחור, דאָס היטעל אויף א זייט, מעשה זשוליק, מיט א מיידעל, וואָס איז געוועזען איינגעוויקעלט אין א פּאַטשיי־לע און פאר דעם דעמערענדיגען שיין פון אבענד איז אויסגעקומען איהר גע־זיכט, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון שווארצען חלל פון דעם פערצויגענעם טוך, מאַט־בלייך.

אָבגעהענדיג עטליכע טריט, האָט דער בחור איהר ארומגענומען מיט דער לינקער האַנד און אזוי האָבען זיי פאַרטגעזעצט דעם גאַנג.

לייזער האָט זיי פינסטער נאָכגעקוקט, ישראלקע איז פרעהליכער געוואָ־רען און געטוליעט זיך צו לייזער׳ן.

— ווייסט, לייזער, ווער ער איז?

— איך ווייס נישט!

— ער איז נאַטקע, ווער זי איז, ווייס איך נישט! ווילסט, לאָמיר זיי נאָכגעהן, מיר וועלען זיך בעהאַלטען און שטילערהייד זעהן.

— מען דארף נישט, ווען ער ווערט צוקאָכט און עמיצער שטערט, קען ער געבען מיט א מעסער. האָט לייזער פינסטער געזאָגט. ישראלקע איז בלאָס געוואָרען.

— ווייסט — האָט ער געזאָגט צו לייזער'ן — לאָמיר געהן אהיים, ער קען נאָך מיינען, אז מיר געהען איהם נאָך.

— לאָמיר געהן!

און זיי האָבען ביידע זיך פערנומען צוריק.

— לייזער, היינטיגע וואָך וועט ביי חנה דעם אדוואָקאַט אין שטוב זיין א חתונה, דער טאַטע וועט דאָרטען שפּיעלען. ווועסט מיט מיר געהן? דאָרט איז אזוי פרעהליך, מיידלאָך מיט בחורים טאַנצען... וועסט געהן?

— איך ווייס? האָט לייזער געשטאַמעלט, דער עולם, וואָס וועט זיין אויף דער חתונה, האָט איהם געשראָקען.

א ווײַלע שפּעטער האָט ער געענטפערט:

— איך וועל קומען. איך וויל הערען, ווי דיין טאַטע שפּיעלט, איך וויל אָנקוקן נאָהענט א פיעדעל.

— גוט, גוט, מיר וועלען געהן! איך קריעג אויף חתונות טאָרט, קיין אינגעל לאָזט מען נישט האַלטען דעם פייקעל און די פלייט, איך וועל דיר זיי ווייזען, איך וועל דיר ווייזען די פיעדעל.

לייזער האָט איהם נישט געהערט, ער איז געוועזן פערטראַכט, דערנאָך האָט ער א קוק געגעבען געהיים און שטריינג ישראלקען און ארויסגערעדט:

— דו ווייסט, איך וויל ווערען א פיעדעל־שפּיעלער.

— אזוי ווי מיין ברודער דוד?

— נאָך א גרעסערער!

— לייזער, איך וועל דאָס דערצעהלען מיין טאַטען.

— מען דארף נישט!

— פאר וואָס?

— אָט אזוי!

אין א פּאָר טעג שפּעטער איז לייזער געקומען אויף דער חתונה אין חנה דעם אדוואָקאַט'ס הויז. בית המדרשדיגע בלייז־לאָמפּען האָבען בעלויכטען דעם חתונה־זאַל, אין געשטאַלט פון א „חית" זיינען געוועזן אויסגעשטעלט לאַנגע בית־המדרשדיגע טישען, ביי זיי זיינען געזעסען עטליכע אידען מיט יום־טוב'דיגע מלבושים און יום טוב'דיגע פּנים'ער. עס האָבען זיך ארומגעדרהט הין און צוריק יונגע מיידלאָך, וואָס האָבען געשיינט און געשפּריצט מיט בלוט פאר דער שטאַרקער בעלויכטונג. עס האָבען בעל הבתיש געשמועסט דערוואַכסענע בחורים, די אינגערע האָבען געשפּאַציערט מיט פעררייסענע קעפּ און אויפגעהויבענע בריסט, וועלענדיג אויסזעהן העכער און פולער.

געגענאיבער דעם ארייננאַנג איז געוועזן דער אָרקעסטער, וואָס איז בעשטאַ־

נען פון שלמה׳קע דעם פיעדלער, שמעון באַנדורען, א מיטעלער דארער בלאָנדין מיט פּלוטעוואטע אויגען און גראָבע, פייכטע ליפּען ; בעריל פּערלס, א פּלייטיסט, א קליין אידעל אין א גויאישען היטעל, מיט א לאַקירען קאָזיראָק, אַ סאָלדאַט אַ מוזיקאַנט, און א בחור׳ל א פּייקלער. לייזער האָט זיך געשטעלט אין א ווינקעל.

— קום צו, וועל איך דיר ווייזען דאָס פּיעלעד — האָט ישראלקע איהם גערופען.

— איך וויל נישט.

— אלמאי ?

אין עולם איז דורכגעאַנגען א געמורמעל :

— שלמה׳קע דער פיעדלער וועט אַליין שפּיעלען אויפ׳ן פּיעדעל.

— וואָס וועט ער שפּיעלען ?

— ווער ווייס ?

— מסתמא דעם חזן׳ס מה בצי בדמי.

— אָט אָ געהט ער שוין.

שלמהקע איז מיט דעם פיעדעל אונטער דער האַנד צוגעגאַנגען צום מיטעלסטען טיש, זיך אומגעקעהרט מיט דעם געזיכט צום עולם און געבליבען שטעהן אָנגעלעהנט, ער האָט נישט קוקענדיג אויף דאָס פּיעדעל געפּרובט עס צי איז עס גוט אָנגעשטעלט, עס אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן האַרצען, ארויף צו דער געמבע, אָנגעבויגען א ביסעל דעם קאָפּ אָן א זייט, ווי ער וואָלט צו עפּעס זיך צוהערען, ערוואַרטען, אז אָט, אָט קומט יענעס געהיימעס און פערלאַנגטעס. ער האָט דורכגעפיהרט איינעגע מאָל מיט׳ן סמיק איבער׳ן פּיעדעל. שלמהקעס געזיכט איז געווען בלייך און מאַט, זיינע שווארצע וואָנסען זיינען געווען אראָבגעלאָזט און פערדרעהט איינע צו די אנדערע, ווי ביי א רויב טהיער, און מיט זיינע שווארצע אויגען האָט ער געבליקט אָהן א ציעל איבער׳ן עולם. מיט זיינע לאַנגע און דינע פינגער האָט ער געטאַפּט די טענער און געטריבען זיי אין האַרצען פון פּיעדעל, ער האָט דורכגעפיהרט מיט׳ן סמיק איבער די סטרונעס, די טענער האָבען אינעווייניג א פּלאַטער געטהאָן, און דאן האָט זיך אָנגעהויבען דאָס שפּיעלען.

לייזער האָט די גאַנצע צייט נישט אראָבגעלאָזט זיינע אויגען פון שלמה׳קען ; אין איהם האָט זיך אויפגעריהרט א מחנה פון נישט קלאָהרע און הייסע געפיהלען. איהם האָט זיך געדוכט, אז ווען ער וואָלט געקענט אויסדריקען זיינע געפיהלען אויפ׳ן פּיעדעל, וואָלט ער פון איהם בעקומען אזוינע טענער, פון וועלכע דאָס בעלויכטען הויז וואָלט ברייטער און גרעסער געוואָרען, אַלע וואָלטען געווען בעשכורט פון די קלאַנגען און געוואָרען גרינג און לופטליך, ווי זומער־פויגעלאך פון דעם דינעם קלאָהרען ליכט, וואָס וואָלט אָנגעפילט דעם זאל.

ווען שלמקע האָט געענדיגט שפּיעלען און אין עולם האָבען זיך געלאָזט הערען התפּעלות׳דיגע אויסרופען : אַי שפּיעלט ער ! אַנטיק ! ממש קאָנצערט ! איז ישראלקע צוגעלאָפען צו לייזער׳ן און געפרעגט :

— נו, ווי געפעהלט דיר ?

— גוט. האָט לייזער מודה געווען.
— איצט וועסטו צוגעהן צום אָרקעסטער?
— יאָ.
לייזער איז צוגעגאַנגען צוזאַמען מיט ישראל'קען צום אָרקעסטער. ער איז געבליבען שטעהן צוטומעלט. ישראלקע האָט איהם אָנגעוויזען אויף פערשידענע אינסטרומענטען, ערקלעהרט ווי מען שפּיעלט. פּלוצים האָט ער הינטער זיך דערהערט א פערשטיקטען געלעכטער — מסתמא פון מיר! — האָט איהם א קלאַפּ געטהאָן אין הארצען. ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן חייקען, ישראלקעס שוועסטער. ער האָט אויף איהר געוואָרען א שאַרפען און צושטרוי־טען בליק.... זי האָט זיך פריי פונאַנדערגעלאַכט.
— וואָס שטופּט דיר די הנאה, האַדזשינע? האָט ישראלקע אויף איהר זיך געבייזערט.
לייזער איז געשטאַנען א שווייגענדיגער, עס האָט זיך ווידער געלאָזט הע־רען ער קלינגענדיגער געלעכטער, וואָס פלעגט זיך איבעררייסען מיט אויס־רופען:
— אַ מאָדנער... חאַ, חאַ.... אוי סאַר א מאָדנער!
לייזער איז געשטאַנען א פערצווייפעלטער, ער האָט אפילו נישט געפונען אין זיך קראַפט אוועקצוגעהן. און ער האָט נישט בעמערקט ווי שלמה'קע איז צוגעקומען, זיי האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען.
— וואָס רוקט ער זיך אַהער? אָט דער.... האָט שלמהקע זיך געבייזערט.
— דאָס איז ישראל'קעס חבר! האָט חייקע אויסגעשאָסען.
— שוויג, טעליצע! האָט שמעון באַנדורע זיך אָנגענומען פאַר לייזער'ן.
לייזער איז געקומען צו זיך און איז אוועק, הינטער זיך האָט ער דערהערט ישראלקעס ווערטער:
— ער וויל ווערען א שפּיעלער, ווי דוד!
לייזער האָט געקריצט מיט די ציין און געשווינד פערלאָזען דעם חתונה־זאַל.

## מ. י. חאַימאָוויץ

# די נייע ריכטונג

.1

מיט דעם וואָרט „דעקאַדענס“ בעצייכענט מען היינטיגע צייטען יענע ריכטונג, אין דער ליטעראַטור און קונסט, וואו די אינערליכע סוביעקטיווע איינדריקע און געמיטהשטימונגען פון דעם קינסטלער שפּיעלען די ערשטע ראָליע, און דיענען פאַר׳ן גרונדשטיין און לייטמאָטיוו פון דאָס געשאַפענע.

דאָס וואָרט „דעקאַדענס“ ענטשפּרעכט די געגענזעטצליכע בעדייטונג פון דעם וואָרט „רענעסאַנס“. אַזוי ווי רענעסאַנס בעצייכענט די אויפבליהונג און ערוואַכונג אין דער קונסט און דער ליטעראַטור, אַזוי בעצייכענט דאָס וואָרט „דעקאַדענס“ דאָס געגענזעטצליכע: דעם ניעדער־גאַנג, די ענטאַרטונג אין דער ליטעראַטור און קונסט.

זעלטען אָבער איז דאָס וואָרט „דעקאַדענס“ געווען אָנגעווענדעט אַלס שימפּפונגס־בעצייכעניש פאַר דער ליטעראַטור און קונסט. אין אַלע צייטען האָט דאָס וואָרט נור בעצייכענט די צופוילטקייט און ניעדערגאַנג פון פּאָליטישען אָדער רעליגיעזען לעבען פון וועלכער עס איז נאַציאָן, אָבער ניט אין דער ליטעראַטור.

אין בעצוג צו ליטעראַטור און קונסט איז ערשט דאָס וואָרט אַריין אין דעם אַלגעמיינעם געברויך מיט אַ יאָהר זעכציג צוריק: — צום ערשטען מאָל אין פראַנקרייך, וואו עס האָט זיך מיט אַ מאָל גענומען מערקען אַ נייע נייגונג צו אַ געוויסע ריכטונג אין דער ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך דערהויפּט אויסגעצייכענט מיט איהרע אייגענזיניגע און זעלבסטשטענדיגע פאָדערונגען און בעגריפע.

און דער פאָטער פון דעם „דעקאַדענס“, וועלכער האָט פעראורזאַכט דאַמאָלס די גאַנצע איבערקעהרעניש, איז געווען דער יונגער פּאָעט שארל באָדליער.

ער איז געוועזען גאָר פון די ערשטע, וואָס האָט זיך אָפּגעריסען פון די פּאַרנאַסען און איז זעלבסטשטענדיג ארויסגעטראָטען געגען די דאַמאָלס הערשענדע ראָמאַנטישע און נור וואָס נײ־געבוירענע רעאַליסטישע שוהלע, פּראָקלאַמירענדיג דעם זעלבסטשטענדיג פרייען־וואהל פון׳ם קינסטלער אַלס די הויפּט־מאָטאָ פאַר יעדער פּאָעטישער וואַריאַציע.

און אין זיין שטענדיגען אויסווייבען פון אַלץ, וואָס עס איז אין לעבען נאָרמאַל און שאַבלאָנע, איז ער אָפט דערגאַנגען ביז צום עקסטרים. און זיין דאַמאָלס, נור וואָס אין דער וועלט ארויסגעלאָזענער ביכעל ליעדער, אונטער דעם נאָמען: „די בלומען פון בייז“, האָט פאָלקאָמען בײשטעטיגט זיין מאָטאָ:

אַז אַלץ, וואָס איז אין דער קונסט נאַטירליך, איז ניט שעהן, אַלץ, וואָס איז אוננאַטירליך, איז שעהן.

און דערוויזען האָט ער דאָס אין זיינע ליעדער, וואָרים ער האָטווירקליך ניט בעזונגען די נאַטירליך שמעקעדיגע ראָזען און ליליען. באדליער האָט מיט אַ טיעפען, מיסטיש דורכגעדרונגענעם, געפיהל בעזונגען די שווארצע בלומען פון עראַטישער איבערזינליכקייט; די בלומען פון דער שווארצער נאַכט; די בלומען פון פעסט און אויפלייזענדער נאַקעטקייט. און דערביי האָט ער פאר אונז אָפּגעדעקט דעם שרעקליכען און פינסטערען אָבגרונד, מיט אַלע שווארצע און פינסטערע געפיהלען, וועלכע ליגען נאָך טיעף פערבאָרגען אין א ווינקעל פון דער נשמה, דערווייל נאָך רוהיג דרעמלענדיג, אָבער אין דער זעלבער צייט שוין געבענדיג סמנים פון ערוואַכונג.

באדליער׳ס עקסצענטריישע און פּאראדאקסאַלע בעגריפע פון קונסט האָט פון איין זייט געגען זיך אויפגעהויבען דעם לאַגער פון די פּארנאסען: דאָס אין דעקאַדענס! — האָבען זיי גע׳טענה׳ט. דאָס איז צופוילטקייט.... אָבער פון דער צווייטער זייט האָט איהם דערפאר די יוגענד, וועלכער עס האָט שוין דערעסען דער שאבלאָן, וואָרים אויפגענומען, — זעהענדיג אין באדליער׳ן אַ פאָרשטעהער פון אַ נייע ריכטונג אין דער ליטעראַטור און קונסט.

און די נייע ריכטונג האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אַלע ליטערארישע קרייזען, און עס האָבען זיך באַלד געפונען נאָכפאָלגער און אנהענגער.

באדליער׳ס נאָכפאָלגער האָבען זיך ניט געהאַלטען שטרענג אָן זיינע פּאַראדאקסאַלע בעגריפע. זיי האָבען זיך אַ ביסעל אָפּגענייגט אָן אַ זייט. שוין די ערשטע און בעגאבטע נאכפאָלגער, ווערלען און רעמבא, זיינען ווייט אָפּגעשפּרונגען פון באדליער׳ס פאָדערונגען, און זיינען ווייט זאָגאר אין דער אויסערליכער פאָרמע ניט געוועזען עהנליך.

ווערלען, אין זיינע ליעדער, איז נאַאיוו און בויגיג, ווי א קינד. די פאָרמע ערטערוויז פערנאַכלעסיגט. אָבער דערפאר אָריגינעל, ליריש און עמפּפינדליך, און אין גאנצען דורכגעדרונגען מיט א מיסטיש־רעליגיעזע קראַמפּפהאַפטע וויגעניש.

רעמבא איז שוין ניט עהנליך אויף ווערלען. רעמבא לייגט שוין די גאנצע געוויכט אויף דער אויסערליכער פאָרמע: אויף דער אלכימיע פון ווערטער און פּאַרבען און אויף דעם וואהלקלאַנג פון דער סימפּאָנישער איינשטימונג פון קאָלירען און קלאַנגען, וועלכע זאָלען ענטשפּרעכען דעם זינליכען בעגריעף און איהם בעפרידיגען, אזוי ווי העלע און רייכע קאָלירען ענטשפּרעכען און בעפרידיגען די סימעטרישע האַרמאָניע פון אויג.

מעלאַרמע, פערקעהרט, איז אין דער פאָרמע שטרענג קלאַסיש, אָבער דערפאר לייגט ער די גאנצע געוויכט אויף דער פערשלייערונג פון דער פאָרמע אין געהיימניספאָלע, וואונדער־טיעפע און שעהנע סימבאָלען.

און אזוי ביסלעכוויז האָט זיך די נייע ריכטונג אַלץ ווייטער מעהר ענטוויקעלט ביז צו אונזער צייט, וואו זי האָט שוין גענומען אָננעהמען א גרעסערע מאָס, און האָט גענומען אָפּשפּיגלען דעם פּסיכאָ־פיזיאָלאָגישען לויף פון דעם

מאָדערנעם אבנאָרמאַלען מענשען: זיין גאַנצען שטרעבען, איבערהויפּט זיין בענקשאַפט נאָך וואָס עפּעס ניט געשעהענעס, נאָך וואָס אונבעשטימטעס.

אין קיין צייט האָט די שעהנע ליטעראטור אויך אזוי פיעל ניט אויסגע־דריקט דעם אַלגעמיין מענשליכען זעעלענצושטאַנד מיט אַלע זיינע פערבאָרגענע קאמערלאָך און איינגראָבונגען, אויך וויפיעל עס דריקט אויס די מאָדערנע שעהנע ליטעראטור.

די מענשען, וועלכע עס האָט שוין דערעסען זייער אייביג וואכעדיגע אָפּ־שפּיגלונג, האָבען מיט עקעל אָפּגעטרייבעלט די קונסט, וועלכע איז נור אימ־שטאַנד געוועזען זיי צו ווייזען דעם קאַלטען און טרוקענעם שאָטען פון זיך זעלבסט.

די אַלע סאָציאַלע פראגען און אידעאַלען האָבען נור געפיהרט צו דער פּולער ענטטוישונג, און האָבען וויט ניט געקענט פעראינטערעסירען און בע־פרידיגען דעם גייסטליכען דראנג צו וואָס עפּעס נייעס, פרישעס און שעהנעס.

דער שאבלאָן און די איינטאָניגקייט האָבען שוין צופיעל פערשפּינט דעם מענשליכען שכל מיט א סאָרען געוואַנד פון פעראַלגעמיינונג. דאָס גאַנצע סאָציאַלע שטרעבען האָט געציעלט צו פערניכטען דעם אינדיווידום, אום צו קענען שאַפען א גרויסע פריעדליכע סטאַדע.

צו קאַלט און צו רוהיג זיינען אויך געוועזען די גרויסע שעפּפער פון דער וועלט ליטעראטור און קונסט. פון זייער שאַפען האָט געוויהט אַן אָלימפּישע פאָרנעהמקייט און רוהיגקייט. דאָס סוביעקטיווע געפיהל פון די אָלימפּישע גיגאַנטען איז געוועזען אויך אזוי פיעל אויסגעדריקט, אויך וויפיעל עס האָט האַרמאָניש געקאָנט שטימען מיט׳ן אויג. אָבער אין דער זעלביגער צייט, וואָס דאָס אינערליכע פיהלען פון דעם איינציגען האָט זיך אַלץ מעהר ענטוויקעלט, מעהר פערפיינערט, זיינען אין דער זעלביגער צייט די אָפּטישע אויג אָרגאַנען געבליבען אין זייער פריהערדיגען צושטאַנד. און דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז די נערוועז זיינען איידעלער און שאַרפער געוואָרען, און זיינען געוואָרען מעהר פעהיג צו זעהן און פיהלען בחוש ווי דאָס ווירקליכע אויג זעהען וואָס קאָנקרעטעס. און דעריבער איז דער זינליכער שאַרפזעהען פון דעם היינטיגען מענשען פיעל ווייטער געקומען ווי פון דעם אמאָליגען מענשען, וועלכער האָט נור געשאַפען נאָך דער סעמעטרישער מאָס פון אויג, וועהרענד דער היינטיגער מענש שאַפט מעהר נאָכ׳ן אימפּולס, נאָך דער אינערליך־זינליכער מאָס.

און אָט די נערוועזיטעט און וויגעניש, צונויפגעמישט מיט א געפיהל פון ענטטוישונג פון איין זייט, און ציהענדיגע בענקשאַפט נאָך נייע וועגען, נאָך נייע האָריזאָנטען, פון דער אַנדער זייט — אָט דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען האָט געבוירען און אויסגעבילדעט די שולע פון אימפּרעסיאָן, די שולע פון מיסטי־שען סימבאָליזם.

דער גרונד־קערן פון דער שולע איז די פאָלקאָמענע אינדיווידועלע פריי־הייט פון קינסטלער צו שאַפען נאָך זיינע אינערליכע זעעלענשטימונגען.

און דאמאָלס, ווען דער איינציגער איז פריי פון די אַלע ביז אהער אָנגע־נומענע דאָגמען, דערצו איז נאָך זיין וועלט־אנשויאונג וואנקענדיג: — דאמאָלס

נעהמט ער זיין אייגענע נשמה און שאַפט פון איהר א לעבען, אַ לעבען, וואָס שטימט מיט זיין אינערליכער בענקשאַפט.

און הינטער דער נשמה פון דעם פיהלענדען מענשען איז בעהאַלטען נאָך אַ וועלט; אַ וועלט פון קיינעם נאָך פיליייכט ניט קיין געזעהענע און בעוואוסטע: אַ וועלט, וועלכע טראָגט אין זיך דעם גרויסען זינען פון דער ערד און לעבען. אַ וועלט, וועלכע וועט פיעלייכט קענען ענטשיידען דעם שיקזאַל פון דעם איינ־ציגען פאר אַלע אייביגקייטען.

און ווען א בענקשאַפט גרייפט אָן דעם איינציגען, פיהלענדיג ביי זיך אין האַרצען, אז די הערליכע וועלטבילד איז פארצויגען מיט א שלייער פון געהיימ־ניס און מיסטישע שרעק; און ווען קוקענדיג ארום זיך אין דער אומעדיגער שלעפּעדיגער אַלטעגליכקייט, און זעהענדיג דעם אייביג אַש־גרויען געוואַנד הענ־גען ווי א שווערער פאַטום, דאמאָלס ווערט דער איינציגער אָנגעגריפען פון אַ וועהטאָגדיגע שטימונג, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט׳ן גאַנצען טראגיזם פון לעבען און זיין. און זיין נשמה, צאַפּלענדיג זיך אין שרעקליכע קאָנוואולסיען, גיסט זיך צונויף מיט׳ן אַש־גרויען פאָן און גיט איבער איהרע ליידען און קרעמפּפען אויפ׳ן פּאַפּיר.

פון צוויי זייטען פיהלט זיך דער מאָדערנער גייסטיגער מענש אָנגעגריפען: פון איין זייט דער אונערבאַרעמליכער סקעפּטיציזם, וועלכער דערלאָזט ניט אין קיין זאַך צו גלויבען. פון דער צווייטער זייט דער פינסטערער פּעסעמיזם, וועלכער פּארבט אַלץ אין שווארצען.

און אָהן דעם מינדעסטען שטיקעל גלויבען וואַנדעלט דער היינטיגער מענש ארום און זוכט נייע וועגען אין לעבען, נייע פאָרמען אין דער קונסט. די זוכע־ניש און בענקשאַפט אַליין איז גאָר געוואָרען ביי דעם היינטיגען מענשען דאָס ענדציעל.

און אזוי וואַנדעלט ער אין לעבען און ווערט אָנגעגריפען פון פערשיעדענע שטימונגען, וועלכע מאַכען איהם אין גאַנצען אָנגעצויגען ווי א פידעל: — נור איין ריהר, איין פיהר מיט׳ן בויגען, און טענער און האַלבע טענער וועלען אָנפּי־לען די לופט.

און אָט דאָס איז ער, דער מאָדערנער גייסטיגער מענש, וועמענס נשמה און וועלט־אנשויאונג זיינען נאָך פערוויקעלט אין א שפּינוועב פון נערוועזיטעט און צוטרייסלונג: — און אזוי אויך איז די היינטיגע ליטעראטור און קונסט, וועלכע איז נור דער אויסדרוק און גייסטיגע פיזיאָנאָמיע פון דעם מאָדערנעם מענשען.

י. מ.

# קריטיק

„דער מתמיד“. פון נ. ח. ביאַליק. איבערזעצט פון י. י. שוואַרץ. פּרייז. 7 ס.

צוויי טיפּען האָט ארויסגעשטעלט די ישיבה פון דער נאָהענטער פערגאַנ־גענהייט: דעם מתמיד און דעם עילוי. דער מתמיד האָט אַ שטאַרקען ווילען, יום ולילה לערנט ער, טאָג און נעכט, זומער און ווינטער גערהען אריבער, און ער זיצט אַלץ איבער דער גמרא, און מיט אַ גרויסער אנשטרענגונג איבערוועלטיגט ער איין מסכתא נאָך דער אַנדערער, זיין שלאַכטפעלד איז די הלכה, ער ווייס פון קיינע ספקות, אַלעס איז פאַר איהם קלאָר, זיינע בעגריפע זיינען ודאויות גע־וויסהייטען).

דער עילוי איז דער געניוס פון דער אידישער ישיבה, ער שלאָגט ניט אריין אין קאָפּ מיט געוואַלד דעם תלמוד, ווי דער מתמיד, ער זאַפּט איין אין זיך די סוגיות אָהן מיה, ניט זייענדיג דערביי אַן איבעריגער „וועלער“. זיין פאָרשטע־לונגס־קראַפט איז אונערמעסליך, דער תלמוד איז פאַר איהם אַ ים, אַן אונענד־ליכע ווייטקייט, מיט בליהענדע אינזלען אין די ברעגען פון האָריזאָנט. וואונדער געשעהען אויף יענע ניט אויסגעפאָרשטע אינזלען. אפשר וואָהנט דאָרט סמאַל מיט זיין כתי, און אַן די שלאָפלאָזע נעכט זעהט ער לילית'ן ווינקען צו איהם, און ער קעמפּפט מיט'ן יצר הרע. גרויס זיינען זיינע ספקות! זיין נשמה איז דאָרשטיג און ער שטילט זיין דורשט אין דער הגדה, און אַ מאָל אין די ספרי קבלה. ביאַליק בעזינגט דעם מתמיד. וואָס זיינען זיינע אידעאַלען? זיין קול קלינגט מעכטיג און בעגייסטערט:

„אוי, תנו רבנן.... ווער ווייס, אויב איך וועל יעצט
מיין זעעלע אַלס קרבן אויפּבריגגען,
קאָן זיין וועט מיין שם־טוב די וועלט ווען אָנפילען
און ס'וועט פון מיין ווינקעל מיין נאָמען אויפקלינגען!

און ער קלערט ביי זיך פעסט:

קיין רוה זאָל ניט וויסען מיין ליידענדע ברוסט
ביז ש"ס וועל איך ענדיגען, איינשטילען וועל איך.

ביאַליק גיט איבער זיינע טרוימען:

דאָן טרוימט ער פון טעג, ווען ער ט'קעהרען אַהיים זיך:
די הסכמה אין האַנד און בעלאַדען מיט תורה,

זיין שם טוב אין שטאָדט און די עלטערינס שמחה,
וואָס דאַנקען פאר איהם און זיי לויבען דעם בורא,
און זיין נאָמען, וואָס יעצט איז פערהילט אין א חשך,
וועט קלינגען פון „מיר ביז וואלאזין“ און גלענצען
און ס'וועלען איהם תמיד גאָט־פאָרכטיגע יודען
מיט כבוד און ליעבע דערמאָהנען און בענשען.“

דער אינערליכער לעבען פון ביאליק'ס מתמיד איז זעהר אָרעם. אין זיינע געדאַנקען־טרוימען ציינט ער זיך ארויס אלס קאַריעריסט. ער שטעלט זיך גאָר ניט קיין שאלות, אלעס איז ביי איהם קלאָר. ער לאָזט זיך ניט אַריין אין חקירות, ווי י. ח. ברענער'ס העלד פייערמאַן אין „בחורף“. פייערמאַן איז אויך אַ ישיבה בחור, עס גיבען צייטען אין זיין לעבען, ווען ער גיט זיך איבער מיט לייב און לעבען צום לערנען, אָבער דאָס האַלט ניט אָן לאַנג, ער ווערט מיעד, זיין בענקענדע, שטאָלצע און ווידערשפעניגע נשמה קען ניט בעפרידיגט ווערען פון די טרוקענע סוגיות, זיין בטחון און אמונה הויבען אָן צו פאַלען, זיין גייסט איז צושטרויט, תמיד ריידען אין די טיפעניש‏ען פון זיין נשמה צוויי שטימען, און איינע איז סותר די אנדערע....

פון נאַטורען ווי פייערמאַן זיינען אויסגעוואקסען אזוינע גרויסע אידען ווי דער בעש"ט, דער ווילנער גאון און ר' נחמן מבריסלב. פון ח. נ. ביאליק'ס מתמיד קען ארויסקומען אַ רב יצחק אלחנן, אַ גרויסער בקי, אַ קאָרב, וואָס איז פול מיט שריפטען, אָבער ניט קיין מאור הגולה. ביאליק'ס מתמיד איז אַ גאַנצע נאַטור, ער האָט ניט אין זיך די איינגעבאָרענע רעפלעקציע, די געניאַליטעט פון י. ח. ברענער'ס פייערמאַן. ביאליק'ס מתמיד פיהרט נור אַ קאַמפף מיט זיין יונגער שטאַרקער נשמה, וועלכע רייסט זיך אין גאַס אַריין, צו דער לאָנקע, צום טייך און די גערטנער, מיט די רויטע עפעל און צו די מיידלאך מיט די רויטע באַקען; ער לאָזט זיך ניט איבעררעדען פון שטיפערישען ווינטעל, וואָס ציהט זיין אינגעליש האַרץ פון דעם דונקעלען בית המדרש ארויס. צייטענווייז איז ער טראגיש, ווען זיין גייסט ווערט פון דער מיה דערשלאָגען, און ווינטער:

„...אַז ס'רייסט זיך און קלאָגט בייז דער שטורם,
דער הימעל ז'אין גאַנצען מיט וואָלקענס בעצויגען;
עס שלעפען זיך טרויעריג די פינסטערע וואָלקענס,
און ס'ציהען זיך לאַנגזאַם, אָהן לעבען, די טעג,
די זון זאָל איין שטראַהל כאָטש אין ווינקעל פערוואַרפען,
בעלייכטען א ביסעל דעם חשך אָהן ברעג!
פון וואַנ' עס נעהמט זיך אַ שפין דאן א גרינער
און וועבט זיינע שפינוועבס אין ווינקעל אין שווארצען....“

עס איז הערצרייסענד זיין לאגע, אָבער דאָס איז דער אונגליק פון אַ יונגער נשמה (נישט קיין אויסערגעוועהנליכער) וואָס איז אריינגעפאלען אין תפיסה, פון אַ פליג, וואָס האָט זיך פערפלאָנטערט אין שפינוועבס.

דערפאר הָאט י. ח. ברענער׳ס פייערמאַן אַ גרעסערע נאציאָנאַלע בעדייטונג, ווי ביאַליק׳ס מתמיד, ווייל יענער איז אַן עלוי. און עס קען זיין, אַז דערפאר טאַקע, ווייל די טהעמא איז געווען ניט קיין טיפע, האָט ביאַליק גענומען אַזאַ לייכטען, שוועבענדיגען טאָן אין דער דאָזיגער פּאָעמא; די בילדער פון בית המדרש, פון שולהויף, פון די פריהמאָרגענס און די לאנגע ווינטערדיגע נעכט זיינען געשילדערט מיט אַ קרעפטיגער שעהנער שפּראַך. אַ יוגענד־בענקעניש שוועבט איבער׳ן גאַנצען ביכעל.

אַן אונאויסלעשליכען איינדרוק מאכט דער פּלאַץ, וואו ער דערצעהלט ווי דער ראש הישיבה בעטראַכט דעם יונגען מתמיד. איבריגענס, דאָס איז אויך איינער פון די געלונגענסטע פּלעצער אין דער איבערזעצונג. זאָל דער לעזער עס אַליין איבערלעזען. דאָ ערשיינט ביאַליק אין זיין גאַנצער גרויס.

די איבערזעצונג איז, אין גאַנצען גענומען, אַ געלונגענע. עס גיבען אַזוינע פּלעצער, וואו מען פערגעסט, אז דאָס איז אַן איבערזעצונג אין אידיש פון העברעאיש. מען פיהלט, אז י. י. שוואַרץ האָט צום צווייטען מאָל געשאַפען, אַז ער האָט געליעבט ביאַליק׳ס ווערק און זיך בעטרונקען מיט איהם. עס זיינען פאראַן אין דער איבערזעצונג אייניגע אונפערצייהליכע פערנאַכלעסיגונגען, אָבער זיי קענען לייכט אויסגעבעסערט ווערען ביי אַ צווייטער אויפלאגע.

* * *

„וויבער“. אַ פּאָעמאַ פון מאיר בלינקין.

דער פּערפאַסער בעצייכענט זיין ווערק מיט׳ן פיעל צוזאָגענדיגען נאָמען „פּאָעמא“, אָבער דער שטאָף איז ניט קיין פּאָעמאַטישער; עס האַנדעלט זיך אום פאָלגענדעס: „פּערעיאַסלאָוו“ איז אַן אַלטע אידישע שטאָדט, וואָס צייכענט זיך ניט אויס מיט קיין שום זאַך פון אַלע אַנדערע אידישע שטעדט, נור זי האָט צו זיך אַ צוצעפּעניש, אָדער אַ פאָרשטאָדט — די „פּידוואָרקעס“, אין וועלכע עס זיינען פערענדערט געוואָרען די סדרי מעשה בראשית, — אַ פערקעהרטע וועלט: די ווייבער זיינען דאָ ברויט־געבערינס, און ממילא שפּיעלען זיי אויך דאָס ערשטע פיעדעל אין דעם „פּידוואָרקער“ לעבען; די „פּידוואָרקער“ ווייבער שם׳ען זיך אין אַלע אַרומיגע שטעדט; גליקליך איז יענער בחור, וואָס קריעגט אַריין אַ פּידוואָרקער מיידעל, און די פּידוואָרקער ווייבער ווייסען טאַקע ווי אַזוי צו שעצען זייער אונבעפעלקטען נאָמען, זיי שטאָלצירען דערמיט „וואָס זייערע קינדער, איבערהויפּט זייערע טעכטער, זיינען אַזוי זויבער; דאָס, וואָס קיינע האָט נאָך קיינמאָל, אין אַ גוטער שעה צו ריידען און אין אַ בייזער שעה צו שווייגען, קיין ממזר, הונדערט מאָל נישט דאָ געדאַכט, ניט געהאַט, ווי עס קומט פאָר אין אַנדערע שטעדט“.... אַלעס געהט ווי געשמירט, דאָס גליק איז אַזוי גרויס אין די פּידוואָרקעס, ווי דאָס אומגליק אין פּערעיאסלאָוו. נור אין איין העלען פריהמאָרגען קומט אויף זיי, ווי אַ דונער פון הימעל, אַ גרויסער אומגליק: אַ „פּידוואָרקער“ מיידעל איז מעוברת. דאָס שרעקליכע נייעס צוטראָגט זיך מיט

דער שנעלקייט פון אַ בליץ צווישען די ווייבער; די נשות־חיל, די אידישע אמאַזאָנקעס, פערלאָזען זייערע קלייטען מיט די קונים, קומען זיך צונויף (נאַטירליך ניט אויפ'ן מאַרק, ווי מאיר בלינקין האָט געטאָן) האַלטען זיך אַן עצה; צוויי מיינונגען הערשען צווישען די ווייבער, און די ביידע ענטגעגענגעזעצטע מיינונגען ווערען פערטראָטען פון בריינדעלע קאָזאַק און מלכהלען. בריינדעלע זאָגט, אַז מען דאַרף „זיי", דער מיידעל מיט'ן בחור, ימח שמו, שלאָגען, קיין גאַנצען אבר ניט לאָזען. און די גוטע מלכהלע טענהט, אַז מען דאַרף זיך בעגעהען מיט גוטען. דאָן בלייבט ביי די ווייבער מען זאָל געהן פרעגען אַן עצה ביי חוה'לען, דעם דאָקטאָר'ס פרוי, ביי דער וואָהלטהעטיגער מאַדאַם פון די „פּיאָדוואָרקעס", (עס איז ניט קיין חוב אַלע ווייבער זאָלען געהן צו חוה'לען „אין געדיכטע רייהען אַזוי ווי זעלנער, פעסט געשלאָסען שולטער צו שולטער", ווי בלינקען האָט דערצעהלט) חוה'לע גיט אַן עצה מען זאָל „זיי" חתונה מאַכען, „אָבער מען דאַרף זעהן, אַז איבערהויפּט זאָלען זיך אַזוינע זאַכען מעהר ניט אומקעהרען (מיט'ן פנים?) אַז דאָס זאָל שוין זיין דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל" און „זיי האָבען זי פערשטאַנען". אויסגעלאָזט האָט זיך דערמיט, וואָס זיי האָבען דורכגעפיהרט די אידעע, וואָס חוה'לע האָט זיי געגעבען „זעהן צו פערהיטען" און האָבען „זיי" אַריינגעוואָרפען אין חרם, (נאַטירליך, ניט אין דעמזעלביגען אָבענד; אין מיטען פון דער נאַכט, אָבער ניט אויפ'ן שולהויף, און אויף אַ מיהלשטיין, ווי מאיר בלינקין האָט דערצעהלט...)

ווי מיר זעהען, איז די געשיכטע אַ טעמאַ פאַר אַ הומאָריסטישע ערצעהלונג מיט אַ קלאָרען לעבעדיגען טאָן. ווען דער שטאָף וואָלט אַריינגעפאַלען צו אַ גוטען ערצעהלער, וואָס וואָלט קענען איהם אויסניצען, וואָלט ער געשאַפען אַן אינטערעסאַנטעס בילד פון מאַסען־פּסיכאָלאָגיע; די גאַנצע מאַסע וואָלט פיגורירט אַלס העלד, אָבער אין דער זעלבער צייט וואָלט יעדער איינצעלנער ניט פערלירען „אין שטראָם" זיינע אינדיווידועלע בעוועגונגען, זיין בעזונדערע האַלטונג. דער איינצעלנער וואָלט געגאַנגען מיט דעם עולם אין איין ריכטונג, אָבער ניט אין איין טאַקט. עס איז ניט אמת, אַז הונדערט, אָדער אפילו צעהן מענשען פיהלען איינס און דאָס זעלבע אין דער צייט, ווען זיי געהען טהאָן אַ זאַך. אפילו אין דעם גרעסטען פייער־פּאַניק „שרעקט זיך" יעדער איינער אויף זיין אַרט. ווען עס געהט פּאַראיבער פאַר אַ קינבטלער אַן ענטשלאָסענע, בעגייסטערטע דעמאָנסטראַציאָן, זעהט ער פאַר זיך איינצעלנע אינדיווידואומען, וואָס זיינען מיטגעריסען געוואָרען פון זיין געדאַנק, אָבער יעדער נעהמט איהם אַנדערש אויף. ווען אַ קינסטלער וואָלט געמאָהלען די מאַסע ווייבער, וואָלט ער ניט אַרויסגעפיהרט בלויז דריי, בריינדלען, מלכהלען און חוה'לען. אַלע וואָלטען ביי איהם בעזונדער גערעדט, יעדע איינעוואָלט ער אָנגערופען ביים נאָמען, פיל וויטץ וואָלטען ענטהאַלטען די געשפּרעכען, צוזאַמען מיט דם טראַגישן וואָלט אויך אַרויסגעטראָטען דאָס קאָמישע, די גאַנצע זאַך וואָלט אַרויסגעקומען פיעל מענשליכער און איבערהויפּט לייכטער, ניט אַזוי אָנגעצויגען. ה' מאיר בלינקין האָט געוואָלט שיסען אַ האָז, האָט ער אָנגעשטעלט געגען איהם אַ קאַנאָנע. ער הויבט אָן די ערצעהלונג מיט אַ געבאָרגטען טאָן פון געוויסע נאָרוועגישע שרייבר. אומזיסט

און אומנישט טראַגיש זיינען זיינע שילדערונגען פון דער פערשאָלטענער שטאָדט פעריעסלאוו. ער מאָהלט מיט אַזוינע להבדיל, העלע פאַרבען: „זיי האָבען זיך געמעהרט און געפּרוכפּערט, אָהן אַ פאַרוואָס, אָהן אַ פאַרוועגן און אָהן אַ צוואָס“.... „נישט געהערט האָבען זיי דאָס זיפצען און קרעכצען פון זייערע פריינד און נאָהענטע, וואָס האָבען מיט א הייזעריגען טאָן פון אַ געשפּאָלטענער כלי געלעכרט ארום די לופט....“

אַם אוננאַטירליכסטען צייגט זיך ארויס אָט דער פאַלשער טאָן, ווען ער הויבט אָן צו דערצעהלען אויף זייטע 18, ווי אַזוי „דאָס גרויסע אומגליק האָט מיט אַ בייזער מאַכט אויסגעשפּרייט זיינע דאַרע, לאַנגע ביינערדיגע הענד“.... דער טומעל פון די ווייבער איז בעשריבען מיט די אומגעלומפּעוּסטע פאַרבען: „זיי שטעהען א גאַנצע מחנה צונויפגעדריקט ווי הערינג“. גאָט׳ס שטראָף האָט זיך אויסגעאָסען אפילו אויף דער נאַטור. די זון האָט געשיינט „ווי פערשעהמט, געצוואונגען האָט זי געגאָסען שמאָלע, בלייכע מיט גאָלד בעזוימטע פּאַסען ליכט, וועלכע האָבען זיך מיט שווערער לאַסט געלייגט אויף די הערצער פון די ווייבער“. זיי פיהלען, אַז אַ גרויסער בלייערנער צאָרן האָט זיך אויף זיי אויסגעגאָסען, אַז אַ שלעכטער גייסט האָט זיך אריינגעריסען אין זייער לעבען און ער גיסט זיי יעדע רגע אָן מיט שרעק“. בריינדעלע שפּרינגט ארויס פון דער מאַסע און רעדט „צאָרנדיג“! מלכהלע בערוהיגט די ווייבער מיט קלאָהרע ווערטער, ווי זי וואָלט זיי פון אַ בוך ארויסגעלעזען, און איהרע זיסע רייד האָבען „די גרויסע דיקע וואַנד פון שרעק און פערצווייפלונג פון זיי אַראָבגערוקט“. „עס האָט געדונערט מיט געשרייען און געהאָגעלט מיט רייד.“ פון דער גרויסער פערלעגענהייט פיהרט זיי ווידער ארויס מלכלה. ווען בריינדעל וויל איבערגעבען מלכהלעס עצה, ווערט צווישען די ווייבער „אַזאַ איינגעהאַלטענע שטילקייט, ווי בשעת דער ערשטער שמונה עשרה...“ עס בלייבט, אַז מען דאַרף געהן פרעגען אַן עצה ביי הוה׳לען. אַלע ווייבער געהען „הורטאָם“ און עס איז אָבער ניט נויטיג. האָבען זיי ניט געקענט שיקען פון זיך צוויי פערטרעטערינס? זיי האָבען דאָך ניט בעדאַרפט אַלע געהן כדי די מענער זאָלען ניט דערזעהן און דערוויסען זיך פון אומגליק, וועלכען די ווייבער האָבען געוואָלט פון זיי פערבאָרגען; איבערהויפּט זיינען די מענער ווי אריין אין דער ערד אין דעם אַנדערען טהייל פון בלינקין׳ס ערצעהלונג. די ווייבער קומען צו חוה׳לען און חיה׳לע הויבט אָן מיט זיי ריידען רוסיש. בכלל איז די גאַנצע סצענע מיט חוה׳לען געשריבען אָהן טאַלאַנט. זיי נעהמען אָן חוה׳לעס עצה, און „ציעלבעוואוסטע“ האָבען זיי זיך געלאָזען געהן צוריק. שרעקליך איז דער מאַרש פון די „יענטעס און סעדעכעס“ אויפ׳ן פעלד: „איינגעהילט אין׳ם דונקעלען נעבעל, זיינען זיי געגאַנגען צוריק שטאַרקע, מוטהיגע, בעראַטהע“. „ווי אַ טרויעריגע שוואַרצע וואַנד“.

און דאַן קומט דער גרעסטער קוריאָז: דער חרם אריינוואַרפען, וועלכער איז בעשריבען אָהן בעקאַנטשאַפט מיט דעם ענין און אָהן פאַנטאַזיע. די נאַטור מאָהלט ער אין דעם מאָמענט: „די וואָלקענס האָבען אָנגעהויבען ארומלויפען האַסטיגער און האַסטיגער, די שטערען זיך בייטען מיט די ערטער, דער ווינד פייפען, די בוימער זיך שאָקלען, די זשאַבעס קוואָקען, און אַלץ האָט זיך צונויפגעשמאָל-

צען, צונויפגעגאָסען מיט זייערע פּראָטעסטען, מיט זייער ווילדען גערודער. און געזאָדען און געקאָכט און געמאָהלען האָט אַלעס ארום. (זייטע 42.)

פון אַזוינע שילדערונגען איז צוזאמענגעשטעלט דאָס ביכעל!

* * *

„די גייסטער". פאַמיליען־דראמא אין 3 אַקטען פון הענריק איבסען. איבערזעצט פון י. ענטין. פּרייז 20 סענט.

אין דער לעצטער צייט ערשיינען אין דער אידישער ליטעראטור פיעלע איבערזעצונגען פון הענריק איבסען. צו די בעסערע פון זיי בעלאַנגט י.ענטין'ס איבערזעצונג פון „די גייסטער". אויך די דאָזיגע אייגפאכע ליטעראַרישע אַרבייט האָט י. ענטין געטהאָן מיט זיין שטענדיגער געוויסענהאַפטיגקייט און ערנסט. ער האָט געמאַכט אַ שטיקעל רעפאָרם אין איבערזעצען, נעמליך, ער האָט געפּרובט איבערגעבען די ספּעציפישע אויסדריקע פון אַלטעגליכען לעבען, מיט וועלכע הענריק איבסען האָט זיך בענוצט אין זיין ווערק, און דעם גייסט פון דער אידישער פאָלקס־שפּראך. עס וואָלט געווען ווינשענסווערטה, אז אויך זיין מייסטערהאַפטע איבערזעצונג פון אָסקאַר ווײילד'ס „סאלאָמע", וואָס איז געווען געדרוקט אין „צייט־גייסט" זאָל ערשיינען אין א בוך־פאָרם. וואָס מעהר אַזוינע איבערזעצונגען, אלץ ווייניגער פּלאַץ וועלען האָבען די וואוילגאַרנע פרייע בעארבייטונגען, וואָס פערפּלייצען אונזער פּרעסע און דעם אידישען ביכער־מאַרק.

## נ אָ ט י ם.

אין דעם נעכסטען זאַמעל־בוך „די יוגענד" וועט ערשיינען איין אויספיהרליכע קריטיק איבער ה. רויזענבלאַט'ס פּאָעזיע.

**Dr. Samuel G. Michlin**
*DENTIST*
24 EAST 3D STREET
Bet. 2d and 3d Aves. New York

אלע טרינקען
קאָלומביא טהעע
ווייל קאָלומביא איז די בעסטע און
ריינסטע טהעע אין אמעריקא
פערלאַנגט עס פון אייער גראָסער

**Goldfarb & Koplowitz**
*SILKS, DRESS GOODS*
*and WOOLENS*
Wholesale and Retail
131 HESTER STREET
Bet. Forsyth and Chrystie Sts. N. Y.

**W., G. & B.**
**BAKERS**
*COFFEE AND CAKE PARLORS*
388 GRAND STREET
70-72 Canal Street 83 Forsyth Street
New York

ב. שולמאַן
מאַכט די בעסטע מענער סוטס
און קאָוטס צו אָרדער
198 איסט בראָדוויי
ניו יאָרק

**SAM GOLDMAN**
FINE CLEANING, DYEING
PRESSING & REPAIRING
130 NORFOLK STREET
Cor. Rivington St. New York

פאלייא בראָדערס
קאפע
אונד
רעסטאראַנט
141 דיוויזשאַן סט.
בעקעריי און לאַנטש־רום
103 בליקער סטריט, ניו יאָרק

נאָר וואָס ערשיענען
צוויי ביכלעך פון
שלום עליכם
מיט פאָלגענדען אינהאַלט:
1.
בערדיטשעווער טהעאַטער
בערדיטשעווער רעסטאָראַנען
און בערדיטשעווער
ווייַן און שכורים
אַ פּראַכטפאָלע אויסגאַבע
פרייז, 10 סענט

2.
בערדיטשעווער טראַמוויי
בערדיטשעווער האָטעלען
פרייז, 6 סענט

אַ געזאַנג פון תפיסה
פון אָסקאַר ווײַלד
איבערזעצט פון ה. רויזענבלאַט
פרייז, 10 סענט

דער הויפּט־פערקויף פון די אַלע
ביכער איז אין די
בוכהאַנדלונג
פון
רעזניק און קאַפּלאַן
168 הענרי סטריט, ניו יאָרק
בוכהענדלער און האָלסיילערס
קריגען גרויסען דיסקאַונט
אַדרעס פיר בעשטעלונגען:
**REZNICK & KAPLAN**
**168 Henry St. New York**
אין די בוכהאַנדלונג פון
רעזניק און קאַפּלאַן
איז צו בעקומען די
בעסטע און נייעסטע ביכער
וואָס זיינען ערשיענען אין אמעריקא
און אייראָפּאַ
קאַנטרי אָרדערס ווערען אַטענדעט
מיט די גרעסטע פּינקטליכקייט

# THE JUGEND

PUBLISHED BY

*The Jugend Publishing Association*

26 JEFFERSON STREET

NEW YORK CITY

עס זיינען דאָ מעהר גוטע ביכער אין
דער וועלט־ליטעראַטור ווי אַ מענש
קען דורכלעזען אין אַ גאַנצען לעבען,
און איינצעלנע נייע גוטע זאַכען
ערשיינען אַלע ווייַלע. אַלעס קויפען
איז אונמעגליך; עס איז אבער יא
מעגליך אַלעס נאָכצופאָלגען ווען מען
בעלאַנגט צו

## מייזעל'ס לייה־ביבליאָטהעק

צו דער זאַמלונג פון איבער 2000
אויסגעוועהלטע בענדער
רוסישע, ענגלישע און אידישע
ווערען יעדען טאָג צוגעלעגט די
נייעסטע ערשיינונגען אין די דריי
שפּראַכען.

פאַר דער רוסישער אבטהיילונג
קומען אָן דעם יאהר 12 מאָנאַטליכע
און וועכענטליכע זשורנאַלען.

אַ מאָנאַט לעזען קאָסט 25 סענט

**Maisel's Book Store**

422 Grand St., N. Y.



# איראָן
## פּריפּעראַטאַרי סקוהל

187־185 איסט בראָדוויי

דזשאָזעף איראָן .A.M., A.B פּרינסיפּאַל.

טעלעפאָן: 4478 אָרטשאַרד

**רידזשענטס.**

מעדיסין, לאָא, דענ־
טיסטרי, אינזשינירינג
טיטשינג, פאַרמאַסי,
קופּער יוניאָן

**עלעמענטאַר.**

ע נ ג ל י ש: לעזען
שרייבען, רעדען,
גראַמאַטיק
150 לעסאָנס, $15

**סיוויל סוירווים.**

רעגיערונגס־שטעלען און
קאָמערשעל קורסען, ווי
טייפּרייטינג, סטענאָגראַ־
פיע און בוק־קיפּינג